„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט
פון דעם
ארבעטער-רינג
22, עלי סטריט, אַלדגיט, א.1.
יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק
קומען פאָר
אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע
רעפעראַטן לעקציעס
איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע
ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים
וועגן אַלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראַל-סעקרעטאַר:
ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פּרייבט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 25 יולי 1948 8 אָוונט
אין לאָקאַל פון
„בן-אורי" קונסט גאַלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.
בערגעלסאָן און אפּאטאשו
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־
ציעס און רעדעס:
די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט, אייזיק
גאָלדבערג, נעט רובין, משה עובד י. א.
ליסקי און י. ביעטש
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן!


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו.8 | העפט 103 | אויגוסט 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


1. נאָכאַמאָל קולטור קאָנפערענץ און קולטור קאָנגרעס
2. דער שלום פון א סעזאָן אָדער שלום פונם טעאַטער
3. די שוישפּילערין דינה האַלפּערין ........................ ** 1
גער (צו דער פּטירה פון גערער רבין) ...... ד"ר יעקב י. מייטליס 8
משיח'ס נסיעות און נסיונות (פּאָעמע) ........... משה עובד 13
„דאָס גלעזערנע אויג" (פון סעריע אלדד און מידד) .... לעאָ קעניג 16
ס'איז ליב דאָס פּשוטע הויז מיר פון ציגל, די ערד איז ניט הייליק
איך האָב ליב ירושלים, אַזוי ווי דער ים (לידער) .. י. ה. לעווי 20
נערוועןָ... (הומאָרעסקע) ........................ קיטי בראַון 22
די טערציגע (ליד) ................. אוריאל בירנבוים 26
חיים סוטין (עסיי) ................... יוסף הערמאַן 27
וויאַזוי כ'האָב באַקענט דעם מאָלער מאַנע קאַץ (עסיי) .. ר. בירמאַן 30
אפשר דאַרף לאָנדאָן ברענען ?... ................ י. א. ליסקי 36
בערלין — מאָסקווע — ירושלים .......... אליהו פּאַלושאַק 39
פון בוך ירושלים (נאָך נישט געדרוקטע לידער) .... א. נ. שטענצל 43
דאָס אַנטרינען פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנע ! .... אַדאָלף רודניצקי 46
אייראָפּעאישע יידישע קולטור קאָנפערענץ (באַריכט) .... י. ביעטש 49
פּראָבלעמען פון אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער
יידישער דערציאונג (רעפעראַט) .......... ל. לאַזאָווסקי 53
דער שניידער געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט (רעצענ.) .. מ. ראַוויטש 56
צו דעם גאַסט־שפּיל פון דינה האַלפּערין
(צו דער אַלעקסאַנדער־טעאַטער־דיסקוסיע) ...... ס. פּאַלמע 59
קבלת פּנים פאַר זאַנוויל דיאַמאַנט (באַריכט) .. אייזיק גאָלדבערג 61
א ווירדיקע פייערונג לכבוד א יידיש בוך אין לאָנדאָן ........ ב.ח. 62
די נעסט פון יידישן ארבעטער הילף קאָמיטעט ............... 63
מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ...... 64


## פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים


אבאָנענטס־פּרייז :—19/6 פאַר א יאָר
אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר א יאָר
1/9 פאַר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן". נאַראָד־פּרעס. 129-131 קאַוועל סטריט. לאָנדאָן א.1.

## ברוך הבא

צו די באריממע שוישפילער די ערשטע, און די מיטבאגרינדער פון דער ווילנער טרופע

**יוסף בולאוו** — **ליובא קאדיסאן**

## א הארציקן מזל טוב

צו דער התונה פון דער באריממער שוישפילערין

**דינה האלפערין**
מיט
**דניאל ניומאן**

וואס קוממ פאר 18 אויגוסט דא אין לאנדאן
בשעה מוצלחת

רעדאקציע לשון און לעבן

## אלגעמיינע פארזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון“

אלע פריינט פון יידיש לשון זיינען דערמיט איינגעלאדן זונטיק, דעם 29־טן אויגוסט, 8 אוונט צו דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון פ.פ.י.ל. אין „ראבערטס רעסטאראנט“, 17 קאמערשעל רויד, א.1.

סדר היום:

1. באריכט
2. וויטערע פלענער
3. וואלן
4. געזעגענונג מיט די דעלעגאטן צום „אלוועלטלעכן יידישן קולטור קאנגרעס.

פארזיצער: א. נ. שטענצל

## רעדאקציע נאטיץ

א. מ. פוקס פראבלעמאטיש ארטיקל „שולד און דערלייזונג, בנוגע שלילת הגלות קוממ אין קומענדיקן העפטל מיט דעם נעהעריקן ענטפער פון רעדאקציע. עס וועט אין סעפטעמבער נומער אריינקומען די ארבעטן פון פויל טרעפמאן, יוסף פרענקעל, א. ר. סען, ד. האפשטיין, הערש שישלער — וועלכע זיינען שוין אויסגעזעצט. אויך מיין ניט געדרוקטע הקדמה צום בוך ירושלים.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג נ.8 | העפט 103 | אויגוסט 1948 לאנדאן

## נאכאמאל קולטור קאנפערענץ און קולטור קאנגרעס

(א ביסעלע נאכוויי־עניש אונזערע אין דרייזע־פיבער שוין אויף אפריער)

ווען מיר האבן זיך געגרייט צו פארן אויף דער שנעל־פארופענער „קולטור־קאנפערענץ פון די אייראפעאישע ישובים האט א צד־השני מיך געווארנט: „הא, איר ווילט טאנצן אויףביידע התונות?“ און יעצט, אז א צוריקגעקומענער פון דער קאנפערענץ, וועלכער ווייסט גענוי מיין שטעלונג, מאכט מיר די נישט שיינע באמערקונג ווינקנדיק מיט מחותנדיקן חשד אין די אויגן: „א, איר ווילט טאקע זיצן מיט איין הינטערן אויף צוויי בענקלעך“. פארדריסט עס טאקע א ביסל.

יעדע קלייניקייט, אז זי ווערט פערזענלעך פארדריסט! וואלטן מיר זיך דערפאר גערן אויך אריינגעלאזן אין א „מחלוקה לשם שמים“. סוף כל סוף גלויבן מיר דאך אויך, אז פון די מאניעוורעס, פון ביידע צדדים, וועט נישט אויסלאזן זיך מיט אן אויסגעבלאזן איי, נאר ס'וועט טאקע געבוירן ווערן ווייניקסטנס, א „ביצה שנולדה ביום־טוב“... (עס בלייבט דאך שוין באלד נישט עפעס אנדערש איבעריק!) אבער מיר דא, — ווי איך האב דאס שוין בארירט אין א קורצן נאטיץ מיט איניקע חדשים צוריק אין „לשון און לעבן“, — וואס מיר האבן נישט צומאל איין צוגאב שול פון 10 יינגלעך, וועלכע לערנען יידיש, האבן מיר קיין שום רעכט נישט דערצו, צו אזעלכע הנאות. ווייל ביי א מחלוקה לשם שמים מוז מען קודם כל קענען אויסשרייען „כותלי בית המדרש יוכיחו!“ די ווענט פון בית המדרש, פון שול וועלן באווייזן יוער ס'איז גערעכט.....

דעריבער קאן דאך קיין שום רייד נישט זיין וועגן מחלוקתן דא ביי אונז! אבער פערזענלעך מיך פארענטפערן מעג איך מיך דאך און ס'איז דאך אויך נישט ווייניקער ווי רעכט, אז איך זאל אפן און פריי ארויסזאגן מיין אייגענע פריוואט מיינונג, ווארים מיין אייגענער „רעדאקטאר“ בין איך דאך אלענפאלס, לעת עתה נאך....

איז קודם כל וויל איך ענטפערן דעם באמת גאר טייערן חבר, וועלבער האט מיר געמאכט די נישט גאר פיינע באמערקינג און געבן ביי זיך גענומען ווארפן אויף באקאנטע שרייבער אין אמעריקע פון צווייטן צד; איך וויל אים ענטפערן מיט בפרישן פסוק „פון דער מה שתשוב“: אויב איך פאר, — אויב איך וועל פארן! — אויף קאנפערענצן, אדער אויף קאנגרעסן איז עס מיט גאנץ עפעס אנדערש ווי מיט „אהינטערן“. ווארים אויב דאס איז עס

מיט וואָס מען פאָרט צו קאָנפערענצן אָדער קאָנגרעסן, איז טאַקע בעסער בלייבן זיצן אינדערהיים!

אזוי אָבער ווי ס'דרייען זיך שוין „ווערסיעס" און גאַנצע פּלאָטקעס פון מיין נישט פאָרן נאָך פּאַריז, בין איך קודם שולדיק אָן ענטפער פריינט ד"ר סלאָוועס, וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, מיט מיר אין קאָרעספּאָנדענץ און פון וועלכן איך האָב אויך באַקומען דריי דעפּעשעס אַז ס'ליגט פאַר מיר אַ וויזום ביים פראַנצויזישן קאָנסולאַט.

אויף פערזענלעכע „פּריוואַטע" פּלאָטקעס און רכילותן, וועלכע גייען איבער מיר די לעצטע יאָרן איבער אַלע שבעה ימים, בין איך שוין געוווינט קיין נאָטיץ נישט צונעמען: מילא, ווער ס'גלייבט אין רכילות און האָט הנאה דערפון איז נישט מער ווערט ווי יענער וואָס טרייבט די רכילות — איז זאָלן זיי הנאה האָבן, און ס'זאָל זיי וואויל באַקומען!

אָבער ד"ר סלאָוועס האָט מיט מיר געפירט זיין קאָרעספּאָנדענץ, נישט אין דער פאָרעם ווי אַ פּריוואַט מענטש, נאָר ווי דער פּאָרזיצער פונם קאָנגרעס, און ממילא בין איך אים שולדיק אַן אָפיציעלע תשובה:

איך בין נישט געקומען אויף דער קאָנפערענץ, פּשוט, ווייל דער פראַנצויזישער קאָנסולאַט האָט מיר נישט געוואָלט געבן קיין וויזום; דריי מאָל האָב איך מיך מטריח געווען צום קאָנסולאַט, פאַר דעם לעצטן מאָל קאָן איך אפילו ברענגען צוויי עדות, י. ביעטש און ב. נאַראַד זיינען מיטגעגאַנגען מיט מיר.

די ווערסיעס און די פּליאָטקעס וואָס קורסירן דאָ בין איך נישט מחויב מיטצוטיילן. דאָס וועט איר שוין מסתמא הערן פון שלום־עליכמס אַ קאַלאַמייער ייד — זיי זיינען נאָך אַלץ די יעניקע וואָס האַלטן אין איין ארומשמייען אויף די באַנען, און יעצט, אַז יידישע קולטור ווערט אַן עסק...

איך וועל שוין מסתמא קיין ניו־יאָרק אויפן קאָנגרעס אויך נישט פאָרן; נישט ווייל איך גלויב אין די קורסירנדיקע רכילותלעך און כ'בין חלילה חושד עמעצן אין ערגעסטן, אָדער איך וויל משמעות. נישט פאָרן. וואָרים וועלכער ייד וויל דאָס נישט פאָרן, און נאָך דערצו אַצינד און נאָך דערצו קיין ניו־יאָרק — אין דער לענג און אין דער ברייט וועט זיך דאָך לייגן אַ ייד, אזוי אַז מיט איין עק פאַלע זאָל ער דערגרייכן דעם „איקוף" און מיט דעם אַנדערן דעם „ציקוף". אבי אזוי אָנצופּלאָטערן מיט אַ קולטור־רעפּעראַטל, — זאָל זיין באַטש אַ פּיטשידיקעס! — דירעקט קיין ניו־יאָרק... און חוץ דעם וועלכער ייד האָט דאָס נישט קיין שטיקל ביזנעס מיט אמעריקע — דער איז דאָך שוין בכלל קיין ייד נישט! איך וועל שוין נישט פאָרן ווייל מען מוז שוין זיין אַ קאָנגרעסן־מענטש און האָבן דעם געהעריקן פּאַרטפעל, בכדי אונזערס־איינער זאָל זיך קאָנען, — באַטש אויף אַ וויל, — פון דעם אינזל דאָ, דאָס ארומלויפן צו קאָנסולאַטן אַליין גענוגט נישט!

אונזערס־איינעם ברויך נאָר דער קאָנסולאַט אַ קוק צו געבן אין די אויגן און ער זעט שוין בחוש, אַז דאָס איז נישט קיין קאַנדידאַט פאַר קאָנגרעסן...

אַלנפאַלס איז מען גאַנץ פיין אויסגעקומען אויף דער חתונה אין פּאַריז אָן מיר ווי מען וועט ב"ה מוזן אויסקומען אָן מיר אויך אין אמעריקע. דאָס



רעפּטל רעפּעראַטל, וואָס איך האָב געוואָלט האַלטן, אין פּאַריז... אָדער זאָל אפשר האַלטן אין ניו־יאָרק, האַלט איך ב"ה יעדן שבת אויף אונזערע יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגן אין ווייטשעפּל, וועלכע איך האַלט נאָך, דערווייל, אַלץ פאַר פיל בילכער און פיל וויכטיקער, ווי אַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן צוזאַמענגענומען — די קודם התפילה יהי רצונם פאַר דער עבודה!...

די קלענסטע געטוענע אַרבעט איז נאָך דערווייל אַלץ קודמער ווי די שענסטע און גרעסטע צוקונפט־פּלענער.....

די שליחים אונזערע, איינשטימיגנ אויסגעקליבן אויף אַ קאָמיטעט זיצונג פון „פריינט פון יידיש לשון", מיט פולן מאַנדאַט אויך פון „לשון און לעבן", און מיט דער הסכמה און ברכה פונם הונדערט קעפּיקן־עולם פון „די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" זיינען די חשובסטע וועלכע מיר האָבן נעקאָנט אויסקלייבן. פאַר דער קאָנפערענץ אין פּאַריז איז עס געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון" י. ביעטש און פאַרן קאָנגרעס דער פּרעזידענט אונזערער משה עובד.

י. ביעטש'ס באַריכט פון פּאַריז, וועלכן ער האָט אָנגעגעבן אויף אַ יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג, איז געווען אַ באַגייסטערטער און אויך טיילווייז אַ וואָגיקער און מסתמא ווען משה עובד וועט פאָרן נאָך אמעריקע און צוריקקומען, וועט ער אונז אי"ה אויך ברענגען אַ באַגייסטערטן און וואָגיקן באַריכט און אויך אַ פּלאַן פאַר אַ געוויסער צוזאַמענאַרבעט.

די קליינע און בייזוויליקע מחלוקלעך, מאַכן לגמרי נישט אויס ווען עס האַנדלט זיך באמת, וועגן שתפותדיקער, אחדותדיקער קולטור אַרבעט — אַלע אַרבע מיתות מוז דאָך אַ ייד אַדורכגיין ביים בלויזן דלד פון אחד, אַז ער זאָל קאָנען צוקומען און קענען דערגרייכן דעם אמתן הייליקן יידישלעכן אחד. (מיין „שטעלונג" צו איקוף און ציקוף אין קומענדיקן נומער.)

## דער שלום פון אַ סעזאָן אָדער שוין פונם יידישן טעאַטער?

די קולטור־גרוסן וואָס מיר האָבן דאָ אין די לעצטע חדשים פון אמעריקע, דורך די טעאַטער־געסט, פאַרשלאָגן עפּעס אויך דעם גאַנצן אַפּעטיט. עס שלאָגט דערפון אַזאַ מאוסער ריח, אַז מען מוז זיך פּשוט צוהאַלטן די נאָז.

ביז די לעצטע חדשים, האָט זיך נאָך געגלוסט צו פּאַלעמיזירן מיט אונזערע אַקטיאָרן מכוח וואָס צו שפּילן און וויאַזוי צו שפּילן, צו געבן כל־ערליי עצה־טובות, צו מאַכן פאַרשלאָגן די טעאַטער לייטונג, צו געבן כך שוואַרצע יאָרן די דירעקטאָרן, אָבער אַז מען זעט די געסט וואָס קומען פון אמעריקע, (געהער דאָך טעאַטער אויך ווי אַ צווייג, צום בוים וואָס הייסט קולטור.) ווילט זיך איינעמען אינגאַנצן שוין אַ שטומעניש, — ווילט זיך געבן אַ שפּיי אוים: וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינט און אַ גאַנץ יאָר זאָל אויסגיין אויף אַלע ווייסטעניש.....

פון וואַנען קומען דען די רוישיקע בולעטינען מיט די טויזנט פּלענער וועגן יידישע קולטור, און פון וואַ, קומען די „גרויסע געסט" מיט זייערע רוישיקע רעקלאַמעס? שטעקט אין דעם נישט עפּעס אַ מין סתירה?

וואו זיינען אונזערע גרויסע שרייבער און קולטור־טוער, ציטונגס־מענטשן, צי אפילו די גייסטלעכע יידישע קהילה צו צולאָזן אזא נידריקן שפּיץ אויף דער יידישער גאס אין אמעריקע? איז שוין אינגאנצן נישטאָ קיין דעת הקהל, קיין עפנטלעכע מיינונג אין יידישן אמעריקע? אין א ישוב קיין עין הרע פון איבער 5.000.000 יידן! איז אזוינס געהערט געוואָרן?

אָדער איז עס טאַקע אפשר די נבלה, די מעשים תעתועים אויף דער יידישער גאס, וואָס דער מאוסער ריח טראָגט זיך שוין אזש ביז דאָ צו אונז אהער, האָבן זיי דאָס אויפגעוועקט די אפּאַטישקייט פון יידישן שרייבער און קולטור־טוער צו ארבעט צום קאַמף — צו דעם נויטיקן צונויפרוף פון יידישן קולטור קאָנגרעס! א קיבוץ פון 5000000 יידן איז דאָך צו עפּעס מתחייב!

ס'זאָל אונז צו חרפה נישט זיין: ביידע טעאַטערס אונזערע האָבן דאָ גַעלעבט דעם סעזאָן פון „סעקענדהענטיקן“ אמעריקאַנישן רעפּערטואַר, וואָס דער הויך־פּונקט דערפון איז — קאַלמאַנאָוויטש! די איבערגעניטשעוועטע אייביקע מאַמע אַן אריבערגעפּעקלטע איבערן אָצעאַן מיט אַן ערלעכער טרער נאָך אין אויג, אויף אמעריקאַנישן שטייגער. גוט? סענטימענטאַל? נאַריש? דאָס איז אונזער מיטלמעסיקייט, אונזער קולטור־לאַזיקייט — דאָס איז אונזער באָרנלאַזדיקער ניווא! ווייניק, נידריק, אָבער דאָך — עפּעס!

האָט לעצטנס דאָ אָנגעטראָגן, ווי א רוח דעם מלמד מיט רעקלאַמיש בלאָפערישן געטומל, עפּעס א לאָבוס א יונגי מיט ראַפּעגירטן געשמאַק, א צירקוס־צוויטער, וואָס פייפט אויפן פּובליקום, וואָס לאַכט עס ממש אויס, מיט באַנאַלן פאַרלענערטן וויץ, מיט ( ) פאַרשייטער חוצפה, מיט ראַפּינירטן סעקס, צוצעליינן אויפן טעלערל, ווי ביים בופעט אינם פוף — מיט דעם קומט מען פון אמעריקע צו מאַכן געלד אין יוראָפּ!.....

און אנדערע שלימזלען באַווייזן זיך: טאַנצדיקע מענער־פיסלעך און ווייבערישע אונטערקליידלעך, אין פרויען מייטקעס וואָס לאָזן זיך אראָפּ — מיט נידריקן עפעקט! און שווערע וויצן וואָס שוויצן אזש פון אונטער די פּאַכוועס צו רייצן, נישט שוין מער יידישע געזער—נאָר סאָפּנדיקע נאָסטרעס!

„אָנקל סעם“ האָט זיך אפנים גוט אָנגעפרעסן צום אויפּפּלאַצן, צום אויס־מייקענען, האָט ער נויטיק, אז מ'זאָל אים א פעסטן גראַבל טון צווישן די פעטע בויך־פאַלדן, טוט מען עס מיט כל־ערליי... ראַפּינעסן — ביז צום צע־זעצט ווערן! וויל ער ווי יענער גוטער־ברידער, דער שכור, וואָס טיילט „רונדעס“, אז מען זאָל מיט אים מיטלאַכן, צעזעצטערהייט אלע, די גאנצע וועלט — — —

מילא, פאַרוואָס נישט, — אויף דעם זיינען דאָך דאָ אלע נאַכט־קלובן, מיט די „באַרמיידס“ און „מיקסערס“! און אז מען נוצט דערצו, — אין דעם שמאַלציקן שמעלץ־טאָפּ אריינצוואַרפן! — אויך אונזערע הייליקסטע קדושים און אידעאַלע העלדן: א וויץ צוגעפּעפערט מיט אַשוויץ, א חלוץ אָנגעטון אין ווייבערשע מאַטראַזן־הייזלעך טאַנצט אויף א „הורא“ — — — פאַר־וואָס נישט? ער מעג זיך דערלויבן! עס קאָסטן אים ווייניק אָפּ די אלע „פּאַלעסטיינס“ און די די.פּי.ס. אים, דעם אָנקל סעם? מעג ער כאַטשע א



שטיקעלע הנאה דערפון האָבן!.....

מילא, פאַרוואָס נישט, זיבער מעג ער זיך דאָס לייסטן, ער האָט דאָס געלט דערצו! אָבער וואָס האָט עס צו טון מיט אונז, מיט יידיש קולטור, מיט יידיש טעאַטער, גאָלדפאַדן, גאָרדין, שלום־עליכם, קאָברין, סעקלער, וואָס האָט עס צו טון מיט פּינסקי, אַש, הירשביין, לייוויק; צי צומאָל מיט ליבין און אפילו מיט קאַלמאַנאָוויטשן? און דער שענדלעכער פּאַגראָם אויף דער יידי־שער שפּראַך, אויף א שפּראַך בכלל, אויף מענטשלעכן וואָרט....

און אפשר טאַקע, אפשר האָבן די דירעקציע, און די לייטערס טאַקע רעכט: זאָל נאָר קומען די „יוגנט“ אין טעאַטער אריין צו דעם שמוץ (זיי געבן אליין צו!...) צו דעם וואָס זיי „גלייבן“, דאָס וואָס רייצט זיי, וועלן מיר אזוי ארום אריינציען א פּריש „פּובליקום“ — נייע טעאַטער גייערס פון ראָלסטאָן, פון קריקלוואָוד, פון גאָלדערס גרין! ווילאַנג קאָן מען אָנגיין מיט ווייטשעפּל מושב־זקנים?...—האָב איך געטראַכט, ווען כ'האָב געזען דאָס פול געפּאַקטע אַלעקסאַנדער טעאַטער, וואָס האָט זיך ממש געשאָקלט לאַכנדיק ביי יעדן נאַרישן אַלטן וויץ.

איך האָב געקוקט אויף די „דאָזיקע „יוגנט, אונזערע פון „נאָרד“ און פון „וועסט“ און דאָס האַרץ האָט געוויינט אין מיר: דאָס איז „אונזער יוגנט“ נאָך אַשוויץ, נאָך גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריומס; דאָס איז אונזער יוגנט אָנצוהויבן צו בויען מיט זיי א יידישע מלוכה, א מלכות שמים....דאָס האַרץ האָט געוויינט קוקנדיק אויף זיי: ווי דאָס לאַכט דאָס אזוי עקלדיק, אזוי נאַריש, אזוי טעמפּ.

אָבער אפשר טאַקע, מען וועט זיי צוגעוואוינען, מען וועט זיי אריינ־קריגן, מען וועט זיי דערציען — קינדער, „יוגנט“ מוז מען רייצן מיט לאַקאַט־קעס... יאָ, אז מען וויל גלויבן, אז מען וויל האָבן אמונה, ווערט מען דאָך שוין אפילו „קליין־גלויביק“ גלייבט מען דאָך שוין אין אלץ!

און בפרט אין איין אָוונט האָט מען אָנאָנסירט פון דער בינע אראָפּ, אז די גרויסע אַקטריסע, די באַרימטע שוישפּילערין דינה האַלפּערין קומט די אנדערע וואָך גאַסטראָלירן אין אַלעקסאַנדער־טעאַטער — — —

## די שוישפּילערין דינה האַלפּערין

נאָך האָבן מיר דעם טעם אין מויל פון דינה האַלפּערינס „מירעלע אפרת“! איר מאַיעסטעטישן שריט, איר כאַראַקטערלעכע האַלטונג, איר דיקציע; די וואַרעמע טוליענדיקע היימישקייט אין איר טראַדיציע.

איך זיץ מיט וואַרטנדיקן הדרת הכבוד די ווירדיקע געשטאַלט אירע ווידער צו זען, זי צו הערן, אָנצוזאַפּן דאָס אויער מיט די פולקייט פון איר שפּראַך, פון איר יידיש — האַרב אויסגעשפּילט ווי מיט געשפּאַנטן בויגן — —

עס איז „די מאָרעלקע“! רעאַליסטיש־מעכטיק, אימפּרעסיאָניסטיש־באַ־פלינגלט טאַנצט אריין דערגאַס א פיגור; דער צעפּלויגענער שטויב פון די בינע־ברעטער און ראַמפּן־ליכט זיינען די פּלאַטערדיקע וואָלערס ארום די פיגור —

דאָס גאַנצע טעאַטער ווערט פול מיט איר, דאָס האַרץ — — —

אָבער וואָס ווייטער ס'איז געווען איז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן, האָט געגרילצט אין אויערן: אַזאַ דינאַמישער כּוח פאַר אַזאַ שטות, פאַר אַזאַ פּאָמפּ, פאַר אַזאַ פּאָמפּאַדור־פיגור. דאָס איז שוין איינמאָל אַ קונץ, אַזויפיל קאָסטן אין קאָסטיומען אַריינצולייגן, בכדי אַזאַ ביליקע טעאַטראַלישקייט אַרויסצובאַקומען. און עס נאָך באַלויכטן מיט שרייענדיקע רעפלעקטאָרס...

„הזאת נעמי“, איז דאָס די דינה האַלפּערן? די דרייענדיקע פיגור אויפן ראָד אין עסיק און אין האָניג קאָן דאָך זיין איינע פון די טענצענקערס, פון די „גורל“־שיקסלעך — — און דאָס קאָמישע לידל, וואָס זי זינגט הייזעריקלעך שטרענג אויף, וועט דאָך דאָס באַר־שיקסל אויך נישט ערגער מאַכן — — מיט אַזאַ האַרץ און אַרץ געירשנטע שטימע מוז מען מאָדעלירן מענה־לשון תפילות, נישט מאָרעלקע שאַנשאָנס....

עס ציט זיך איין סצענע נאָך דער אַנדערער, איינע ליידיקער פון דער צווייטער, און איך האָב צייט צוטראַכטן און מיך דערמאָנען די שיינע פּסוקים פון „רות“: „איר זאָלט מיך ניט רופן נעמי, רופט מיר מרה, ווייל דער אַלמעכטיקער האָט מיך זייער פאַרביטערט, אַ פולע בין איך אַרויסגעגאַנגען, און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט“. אויף דעם איז זי אונז געבליבן פון די פולע פעלדער פון אונזער יידישער קולטור שפע, דער שטערן פון אַ יונגנ־פּעליאַרע צו וועלכן די נאַרבן האָבן זיך געטון בוקן? וואָס האָט אַמעריקע פון איר געמאַכט? זי איז דאָך קלוג, דינה האַלפּערין, און אַזוי זיך לאָזן צום נאַר מאַכן?

עפּעס זעט עס אויס ווי דער יורש דאָרטן, דער „אַנקל סעם“, דער לעבן געבליבענער בנאַק, וואָס קאָן קוים דעם קדיש דורכדרעפּטשן וויל פאַרטאַבּלעווען אונזער קולטור ירושה, צווישן די פינגער. אַז ס'זאָל פון איר חלילה קיין שריד ופּליט נישט בלייבן — „האַלב האָט די וואַנט צוגענומען, האַלב האָט מען אין וואַסער אַריינגעוואָרפן, טאָ וואָס בלייבט?“

דעם „הייליקן טאַנץ“ בין איך צוויי מאָל געגאַנגען זען! ווייל עפּעס האָב איך געוואָלט „אַרויסלערנען“ דערפון — אַ מוסר־השכל! מער ווי דאָס נאָך צומאָל, אַז אַ שוישפּילערין קאָן אַמאָל אַריינלייגן אַלע אירע נאַטירלעכע כּוחות, שטאַרקע דינאַמישע, און לסוף קומט דאָך נישט קיין סך אַרויס — אפילו נישט קיין מיטלמעסיקייט....

איך האָב מיך נאָכאַמאָל געוואָלט איבערציינגן צו איך האָב ריכטיק געטראַכט, דאָס וואָס איך האָב געטראַכט, זעענדיק דאָס ערשטע מאָל דעם „קאָמביניישאַנס“!

אין דעם אַמעריקאַניש־פּאַטריאַטישן האַלב־אַסימילירטן טעאַטער־שטיק, זוען דער פּערפאָסער וואָלט נאָר פאַרמאָגט אין זיך אַ ביסעלע פרומקייט און נאַאיווע ערלעכקייט, וואָלט דאָס שטיק, — טראָץ זיין נאַטירלעך פּאַטריאָטישן־און סענטימענטאַל־אַסימילאַציע טענדענץ! — ביי זיין גאַנצער פלאַכער מאַכערייקישקייט, וואָלט דאָס שטיק „דער הייליקער טאַנץ“ דאָך געקאָנט האָבן אין זיך אַ שטיקל פון אַ מאָדערניזירטער טעאַטראַלער „צאנה וראינה“.



אפנים, אונזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז פאַרן אַמעריקאַנישן דורכשניטלעכן ייד שוין דאָס, וואָס די אַלטע העבעראישע ליטעראַטור איז געווען פאַר דער פרוי, פאַר עמך־ייד אין מיטל אַלטער — אַ פאַזינגלט ספר אויף זיבן שלעסער! צו טיף, צו הויך פאַר זיינע פלאַכע השגות — האָבן רעליגיעזע פרומע איבערזעצערס, דעמלט, מגידים־פּאָפּוליזאַטאָרס פאַריידיש־דייטשט, ווערטלעך פאַרטייטשט, מסביר געווען מיט אַ משל־מעשהלע — די צאנה וראינה איז נישט נאָר אַ פאַרטייטשונג פון פּסוקים פון לשון קודש אין יידיש, אַ לייכטן מאמר חז"ל געמאַכט צוגענגלעך, נאָר די פילאָזאָפישער רבינו בחיי צומאָל טרייבט דאָרטן וואונדערלעכע פוקסן....

וואָלט דער פּערפאָסער אויך צוגעגאַנגען מיט פרומקייט און יראת הכבוד צו אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, ניט בלויז מיט פּאַטריאָטישע אַסימילירטע טענדענצן, וואָלט דער „הייליקער טאַנץ“ געווען אַ מין צאנה וראינה ספּעקטאַקל, אַ קינסטלערישע פּאָפּולעראַזאַציע פון אונזערע מאָדערנע ליטעראַטור מאָטיוון: אַ מישמאַש פון אַ פאַרדבוקטן אַנסקי און אַ פּרץ־פּאַרפלאַכטקייט באַפּעפּערט מיטן [illegible]דיקן אַלרייטניק־און אמת־זוכער־פלאַט.

די סענטימענטאַלע לעכערלעכקייט, מיט „געזענגע“ און „טענצע“ דאָס איז אפנים דער ניוואָ פונם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנישן ייד, נישט די קינסטלערישע דורכגעטראַכטע פּערפעקטקייט פון אַ לייעס, צי שוין נאָר די באַהעמיש־מוזישע, ראַפינירטע נאַכלעסיקייט פון אַ יעקב גלאַטשטיין....

דינה האַלפּערין, אין די הויפּטראָלע, האָט אַלנפאַלס, ווען נישט זיך באַוויזן אין איר נאַטירלעכער פּראַכט, — אָבער באַוויזן וואָס זי קאָן, וואָסער גרויסע קינסטלערין זי איז. וואָלט זי ווייניקער געזונגען, וואָלט עס נאָך מער אויסגענומען, ווייל מיט איר דיקציע מוז מען לייענען טייטש חומש — טרייבן וואונדערלעכע פוקסן! אַלנפאַלס נישט זינגען הוקוס־פּוקוס לידלעך....

(פיקציע, ווי רעאַליסטיש שטאַרק, ווי וואונדערלעך פאַנטאַסטיש, לויפט אין ליידיקן, ביז ס'ליידיקט דעם קינסטלער גופא אפילו אויס; פיקציע ווערט דרייענדיקע מאַנעקע, אַנגעדרייטע פלאַטע — געפערלעכער וואָס גרעסער דער טאַלאַנט! דאָס בדרך אגב.)

און צום שלום! איר „מכשפה“, דער אַפּאָטעאָז פון איר דיקציע! ביי גאָלדפאַדן קומט דאָך דער אַקטיאָר ערשט צום פּסוק, און צום טראָפּ אין דער דיקציע — עס איז די טראַדיציע פונם טייטש־חומש פאַריידישלעכט! דעם ביבלישן זאַץ פאַרהאַצמאַכט. — — —

און אויפן פאָן פון פאַנטאַסטישע בורלעסקע־געשטאַלטן, אויף דעם קליינשטעטלדיקן זשאַרוש־און מאַרק־יידענע געשריי, האָט זי, די זאָגערקע, די צויבערין דינה האַלפּערין אַן עקספּרעסיאָניסטישע פיגור פּערפעקט דורכגעפירט: איר דורכגעטריבענע מאַסקע, דורכגעפילט ביז אין די פינגער־שפּיצן, איר דיקציע מיטן טראָפּ ווי אַ זאָגערקע אויף דער מזרח־וואַנט, אַז די ווייבער פאַר שרעק פאַרגעסן אפילו צו וויינען — — —

שטיל איז געווען הינטער מיר, ווייל ס'טעאַטער איז כּמעט ליידיק געווען, ווייל „אונזער יוגנט“ פון קריקלוואָוד און גאָלדערס גרין האָבן אַ חוש הריח

און זיי דערשמעקן מיט נאָסטרעס שוין פון דערווייטענס — זיי נאַרט מען ניט! אפילו ביטרע, — אָדער נאַאיווע, — טעאַטער דירעקטאָרס אויך נישט!

שוין אין די „מאַכבערייקעס" האָבן זיי שוין געזען אַז ס'איז נישט דאָס אַז דאָס איז נישט קיין „פּאַן" — זי מאַכט צו פיל „טעאַטער".

און זיצנדיק אויף דער ערשטער באַנק, פאַרכאַפּט פון איר צויבערדיקן שפּילן, פון איר יידיש, האָב איך גאָר געמיינט, אַז אונזער יונגד אין דאָס אויך אַזוי פאַרכאַפּט פון איר שפּילן — דערפאַר די הייליקע שטילקייט. . . .

א דעפּרימירטקייט האָט געקלונגען אינם טאָן ווען דינה האַלפּערן האָט צו מיר געזאָגט: „יעצט קומט בולאָווו. און וואָס וועט ער שפּילן?" איז עס געווען די ליידיקייט פון די בענק ביים שפּילן איר „מכשפה". אָדער דאָס הוילע געלעכטער פונם פולן טעאַטער ווען זי האָט געשפּילט די „מאַדרעלקע". וואָס האָט אַפּהענטיק געמאַכט איר טאָן? איך האָב אָבער אויך אַרויסגעהערט פון דעם זילבריק־מאַטן טאָן, די פאָרערונג צו אַ קאָלעגע: וועט ער זיך אויך אַזוי מוזן אָראָפּלאָזן ווי איך, וועט אויך ליידיק זיין דער זאַל ווען ער וועט ווייזן זיין גרויסע קונסט? ווי שיין איז זי געווען דינה האַלפּערין אין דער מענטשלעכער ערלעכער ראָלע. אין דער עכטער מוטערלעכער זאָרג פאַר אַ קינסטלער, פאַר יידישע קונסט ——— אַזוי שיין וועט זי זיין מסתמא דעם 18־טן אויגוסט, אין טאָג פון איר חופה דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן.

---

## ד״ר יעקב י. מייטליס

# נ ע ר

(צו דער פטירה פון לעצטן נערער רבין)

נער של מטה, דאָס חנ'עוודיקע שטילע שטעטל, וואָס איז געלעגן אַ צוויי שעה מיט דער קאַלייקע פון וואַרשע, מיט די אכסניות, מיט די מאַסן־חסידים, וואָס זיינען אַהין עולה רגל געגאַנגען אויף אַ שבת, אַ יו״ט, אָדער די ימים נוראים, — איז שוין לאַנג טויט. עס איז אַוועק אין בלוטיקן שטורעם, בשעת די אכזריותדיקע חיילות פון היטלערן האָבן פאַרשניטן דעם יידישן צענטער אין פוילן.

איצט איז אויך אַוועק דער נערער רבי, ר' אברהם מרדכי אַלטער ז״ל, דער לעצטער מאָהיקאַנער פון די גרויס־רביישע דינאַסטיעס אין פוילן. אין זיין צייט איז שוין דאָס חסידות געשטאַנען במזל ירידה און דער גרויסער קביץ יידן ערב דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע. פונדעסטוועגן איז דאָס נאָך געווען די תקופה פון אַן אינטענסיוו און שטאַרק פולסירנדיק יידיש לעבן. פוילישע יידישקייט איז נאָך געווען פעסט פאַרפונדעוועט אין איר באָדן מיט טיפע וואָרצלען אין דעם עבר. נאָך איז מען געווען געזונט, יוסט, שטאַמיק אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלער ענערגיע, וואָס האָט זיך געהאַט אקומולירט אין משך פון לאַנגע דורות. אייב ס'האָט זיך באַוויזן אין דער לויפט שטימונגען פון



אונטערגאַנג, איז דאָס גיכער געווען אַ פועל־יוצא פון אַ פּעסימיסטישער לעבנס פילאָזאָפיע פון יחידים, ווי אַן אויסדרוק פון פאַקטישן צושטאַנד. דאָס לעבן גופא איז געווען אָנגעפילט מיט שטורעם און דראַנג, בעת די סאָציאַלע יסודות האָבן זיך גענומען איבערבייטן. אייב די זון פון דער אַלט־יידישער וועלט האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, האָבן זיך שוין אויפן האָריזאָנט גענומען אָפּצייכענען די קאָנטורן פון אַ ניי־אויפגייענדיקער וועלט. און אָט די יאָרן פון שווערן קאַמף און גערענגל פאַר נייע לעבנס־פאָרמען, מיט פילצאָליקע פּלענער פאַר אַ דורות־ווייטערדיקן קיום אויף דער פוילישער ערד, האָט זיך קיינער נישט גערעכנט, אַז דאָס אַלץ וועט האָבן אַזאַ שנעלן און וויסטן סוף, אַז מ'וועט אונטערגיין אין מיטן צאַפּלדיקן לעבן, אין די סאַמע ימי עמידה.

די דינאַסטיע אין נער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אַלטן נערער רבין, ר' איטשע מאיר אַלטער, דעם „חידושי הרי״ם", וואָס האָט אָנגעהויבן פירן נאָך קאָצק. ר' איטשע מאיר האָט נאָך אַלס בחור געשמט פאַר אַן עלוי, אַרויס־געוויזן געוואַלדיקע בקיאות און חריפות. דערצו האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַ זעלטענער בעל־מידות, וואָס האָט געשטעלט גרויסע פאָדערונגען קודם כל צו זיך אַליין. חסידות איז פאַר אים געווען נישט נאָר אַן ענין פון פירן טיש, באַווייזן מופתים און פאַרזאָרגן יידן מיט כל־טוב, לרבות עולם־הבא. נאָר קודם כל אַ פּראָצעס פון זעלבסטלייטערונג און זעלבסטהיילונג. עבודת הבורא איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלץ.

אַלץ יינגל איז איטשע מאיר געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום און איז דער־צויגן געוואָרן ביים קאָזשניצער מגיד ר' ישראל אין הויז. נאָכן מגיד'ס פטירה, האָט דער עולם אָנגעהויבן פאָרן צו זיין זון ר' משה, פון וועלכן די מתנגדישע וועלט האָט געחוזקט, אַז ער קען נישט לערנען. דערציילט מען נאָך, אַז אַמאָל האָבן מתנגדים געוואָלט ר' משה'לען מבייש זיין, פרעגנדיק ביי אים פשט אין אַ שווערן תוספות. פון דער פאַרלעגנהייט האָט אים דער יונגער איטשע מאיר אַרויסגעפירט. וואָס האָט מיט בליץ־שנעלקייט אויפגעקלערט די כלומרשטע קשיה און אַזוי אַרום פאַרשוינט דעם רבין פון בושה. ר' משה'לע איז געווען פון דער האַנדלונג גערירט און האָט אים פון דאַנקבאַרקייט אַ קוש געגעבן אין קאָפּ אַריין. דער שפּעטערדיקער „חדושי הרים" איז דערפון אַריינ־געפאַלן אין כעס און גע'טענה'ט, אַז ער דאַרף נישט האָבן קיין רבין, וואָס זאָל אים גלעטן און קושן. ער דאַרף האָבן אַ שטרענגן רבין, וואָס זאָל אים שטעכן, וואָס זאָל אים „טרענען די אָדערן". באַלד דערנאָך איז ער אַוועק קיין פּשיסכע צום רבי ר' בונעם.

שפּעטער איז ער געפאָרן קיין קאָצק צו ר' מענדעלין מיט וועמען ער איז געווען אַ נאָנטער חבר נאָך אין פּשיסכע. די אויסערגעוויינלעכע געשטאַלט פון דעם קאָצקער בונטאַר האָט, ווי באַקאַנט, געצייכנט מיט דער האַנט פון אַ מייסטער, יוסף אָפּאַטאָשו אין זיינע „פוילישע וועלדער". דאָרט האָט ער אויך פאַראייביקט די אָריגינעלע געשטאַלט פון איטשען, אַלס תלמיד מובהק פון קאָצקער.

להיפוך צום קאָצקער, וואָס איז געווען אַ שטרענגער, אַן אָנגעכמורעטער, וואָס האָט דעם עולם פון זיך געטריבן, איז איטשע מאיר בטבע געווען אַ מילדער, אַ נוח לבריות. מיט זיין גרויסער צדקות און אהבת ישראל האָט ער צו זיך געצויגן מענטשן, בפרט די פשוטע יידן, וועמען ער האָט מקרב געווען און געפירט בדרך התורה.

נאָך דער פטירה פון „חדושי הרי״ם" אין יאָר תרכ״ו (1866), האָט אין גער געהערשט פאַר עטלעכע יאָר אַן אינטערעגנום. ערשט אין יאָר תר״ל האָט אָנגעהויבן צו פירן דעם „חדושי הרי״ם"ס איניקל ר' אריה ליב, דער שפּעטערדיקער „שפת אמת".

* * *

גער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די צוויי גרונד־זיילן פון פוילישער חסידות, אויף פּשיסכע און קאָצק, האָט מיט דער צייט אויסגעפורעמט אַן אייגענעם גאַנג, וואָס איז מער געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניש פון דער נייער צייט. אין גער האָט מען חסידות אין אַ געוויסן זין דעמאָקראַטיזירט. דאָרט האָט עס באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין גער איז געווען אַן אָפענע טיר פאַר אַלעמען. דער רבי איז געקומען אין באַרירונג מיט טויזנטער חסידים פון פאַרשיידענע שטעט, בפרט פון ווארשע. ס'האָט דאָרט אָנגעשפּאַרט נישט נאָר דער רב, דער יחסן, דער למדן, נאָך אויך דער גרויסער סוחר, דער מאָדערנער אינדוסטריאַליסט און דער פּשוטער קרעמער. יעדער האָט זיך פאַר דעם רבין פאַרטרויט, אויסגעגאָסן פאַר אים זיין האַרץ, דערציילט וועגן פּריוואַטע און געשעפטס־ענינים, אַזוי אַז דער רבי איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע לעבנס־דאגות און געהאַט אַ חוש פאַר פּראַקטישע זאַכן.

קיין נייעס אין דער חסידישער אידעאָלאָגיע האָט גער נישט געבראַכט. מען איז דאָרט נוטה געווען צו אַ סינטעזע (בפרט אונטער דעם אַצטיקן רבין), דיקטירט פון פּראַקטישער קלוגהייט און אוטיליטאַריזם. דערפאַר טאַקע איז דער טראָפּ געלעגן אויף תורה, אָפּגעהיטנקייט און מעשים טובים.

גער איז געווען לומדיש־שאַרף. שוין דער „חדושי הרי״ם" האָט, זייענדיק אַליין אַ גרויסער למדן און אַ שאַרפער קאָפּ, שטאַרק געהאַלטן פון קאָצקער חריפות. חריפות און בקיאות איז געבליבן דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון גער אויך אויף להבא.

* * *

דער איצטיקער נפטר, ר' אברהם מרדכי אלטער, איז געווען אַ זון פון „שפת אמת" (און אַזוי אַרום אַן אוראייניקל פון „חדושי הרי״ם") און האָט איבערגענומען די הנהגה אין גער נאָך דער פטירה פון זיין טאַטן אין תרס״ה





דער גערער רבי — אַ פעדער צייכנונג

(1905). דער גייסטיקער קריזיס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. די אַלט־פּוילישע יידישקייט, הגם נאָך אַ פעסט־געמויערטע, האָט זיך שוין געהאַט אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן. דער פאַרצייטישער לעבנסשטייגער מיט זיין רעליגיעזן וועלט־באַנעם האָט אַלץ מער באָדן פון אונטער די פיס פאַרלוירן. דאָס לעבן האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט, לכל הפחות אין דער פּעריפעריע, פון דעם אַלטן מקור און האָט זיך אַלץ מער גענומען סעקולאַריזירן. די צייט איז געווען אַ ביטערע, מען האָט יידן געטרויפט, קיין פּרנסה איז נישט געווען. האָבן זיך באַוויזן נייע באַפרייאונגס־אידעאַלן. דער יינגער דור האָט שוין מער נישט געוואָלט אַרויסקוקן אויף ניסים און מקבל זיין באהבה די צרות. ער האָט אָנגעהויבן רעוואָלטירן. מ'האָט נישט מער געוואָלט זיין קיין קעסט־קינדער ביים עבר, מ'האָט געוואָלט אָנהייבן פון דאָסניי.

אַזוי אַרום האָבן זיך אין די קריטישע יאָרן פונאַנדערגעוואַקסן די יידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען באַפרייאונג און גאולה פאַרן יידישן פאָלק מיט אייגענע כוחות. דאָס רעליגיעזע יידנטום האָט דערזען די געפאַר. מען האָט זיך גענומען פאַרטיידיקן

די שטאָלצע פעסטונג פון תורה און אמונה, וואָס האָט ביזאהער אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס פון דער צייט.

אין דעם היזיקן קאַמף האָט גער גענומען אַ פּראָמינענטן אַנטייל. מ'האָט געוואָלט מיט אַלע כּוחות דערהאַלטן דאָס ביסל יידישקייט און דערפאַר אָנ־געזאָגט אַ מלחמה אויף טויט און לעבן אויף דעם ציוניזם, אין וועלכן די רעליגיעז־חסידישע וועלט האָט געזען אַ מקצץ בנטיעות, אַ צושטערנדיקן כּוח.

בשעת עס איז אין די שפּעטערע יאָרן געשאַפן געוואָרן אין פּוילן די „אגודת ישראל" אָרגאַניזאַציע, האָט גער אין איר געשפּילט אַ וויכטיקע, אָנ־פירענדיקע ראָלע. צווישן די אָרטאָדאָקסיש־חסידישע יידן אין פּוילן און מחוץ איז דעם גערער רבי'נ'ס אויטאָריטעט און השפּעה געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. מיט דער הסכּמה פון גער איז אויך אין די צווישן־מלחמה יאָרן געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פון „בית יעקב" שולן פאַר מיידלעך, מיט יידיש לשון אין צענטער פון די למודים.

מ'האָט דעם גערער רבין נאָכגעזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ, אַ געוואַלטיקע תּפיסה און אַז ער איז געווען אַ זעלטענער חכם. האָט ער דער פאַר טאַקע אויסגענומען נישט נאָר ביי זיינע אָנהענגער, די יראים ושלמים, נאָר אַפילו ביי די פרייע. זיין לומדות און צדקות זיינען געווען גרויס און די פרומע וועלט האָט זיך צו אים באַציגן מיט אַ סך יראת הכּבוד.

אַ גרויסן איינדרוק האָט געמאַכט אין דער חסידישער וועלט דעם רבינס באַזוך אין א"י פאַר דער לעצטער מלחמה. איז עס געווען אַן אָנזאָג פון אַ דער־נענטערונג, פון אַ נייער סינטעזע? אויף יעדן פאַל דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער רבי זאָל זיך ראַטעווען קיין א"י פון די הענט פון היטלערס מחבּלים און דאָרט פאַרענדיקן די לעצטע יאָרן פון זיין זאַט, לאַנג, יסורימדיק און פול מיט דערפאַרונג לעבן.

אין די לעצטע וואָכן פון האַרטן און שווערן געראַנגל פאַר אונדזער קיום אין א"י, האָט דער גערער רבי באַוויזן, אַז ער האָט אַ חוש פאַר די גורל'דיקע געשעענישן און אַז ער האָט אַנטשידן, וואו זיין אָרט אין קאַמף איז. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו שטיצן הגנה אין איר הייליקער זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

האָט ער מיט זיין אידלען חוש דערשפּירט די עקבתא דמשיחא, די טריט פון משיחן, האָט ער, ווי מאַנכע עקשנותדיקע רביים אין פאַרצייטישן פּוילן, געוואָלט מקרב זיין דעם קץ און העלפן אַראָפּברענגען משיחן?

זיין מלכות, דאָס מלכות פון פּוילישער יידישקייט און גייסטיקייט איז אונטערגעגאַנגען. איז עס סימבאָליש, אַז צו דערזעלביקער צייט איז אויף אונדזער פאַרחשוכטן הימל אויפגעגאַנגען דער שטערן פופן דעם נייעם מלכות ישראל?

עס איז אַוועק פון אונדז אַ גרויסער ייד פון אַלטן דור, אַ ריז פון דער וועלט, וואָס איז שוין היינט נישטאָ מער.



משה עובר

## משיח'ס נסיעות און נסיונות

(געווידמעט חוה ראָזענפאַרב)

### פּראָלאָג

פון אַ פאַרטיליקטן וואַלד, פון אונצייליבאַרע ביימער
איז געבליבן אַ פאַריתומטער בוים, אַ יורש נאָר איינער,
אָבער, אָט דער איינער, האָט אין זיך געהאַט
אַלע וואַלד אייגנשאַפטן, אין יעדן איינציקן בלאַט.

און אין זיין וואַלד פון בלעטער האָט אַ פייגעלע בלויז
זיך אויסגעבויט, איך ליים, שטרוי און פעדערן־הויז,
און באַגלייט ס'פייגעלע ווען ס'האָט געזונגען,
האָט טאַנץ און טאַן פון אַלע בלעטער־צינגען.

איז אין אַ פרי־מאָרגן פאַביי אַ פידעל־מייסטער,
האָט דער בוים אים צוגעצויגן, ווי אַ קאָרנן צו אַ טייסטער,
איז ער באַגליפן געוואָרן, פון פייגעלעס שירה,
פון די קלינגענדע צווייגן, ווי זייטן פון אַ לירע.

האָט ער זיך איינגעבויערט אין שטאַם, מיטן געהער פון אויר,
דערהערט ער ווי ס'לאַכט ס'לעבן ווי ס'זיפצט דער טרויר
האָט ער אַריינגעשטראַלט טיף אין איר צאַרטער צורה,
דערזעט ער אַ פייגעלע, פראַכטס אַ בשורה!

האָט ער פון בוימס ריפן, אַ ריפ אויסגעשניטן,
דאַפון אויסגעשניצט אַ פידעלע, פון שיינקייט געליטן....
ווען ער האָט זיינע חלומות, דאַרויף אויסגעשפּילט
האָט עס הימל און ערד אין יעדן אבר געפילט.

איצט מוז ווערן אַ סוד, דורך שריפט אַנטפּלעקט,
עס זאָל פון ספר־הזכרון, ניט ווערן אויסגעמעקט,
אַז דאָס פייגעלע שנעלער, ווי אַ פייל פון בויגן,
דעם פידל־מייסטער, איז נאָך געפלויגן.

עס האָט זיך אין האַרץ פון פידעלע איר נעסט געמאַכט,
און באַגלייטעט ס'פידעלע ווען ס'האָט געוואַכט,
און פון דער טיפסטער הייל, פון פידעלע שלאָף,
האָט עס תמיד געהערט, דעם פייגעלעס רוף!

„וואך אויף פּידעלע! די גאולה באַגלייט
לאָז ניט ס'בת־קול קלינגען אַזוי בלאַס און ווייט.
ווי איך באַגלייט, מיטן בלוט פון ליד דיך,
באַגלייט דו די טריט, די שטילע פון משיח“.

קאַפּ. א

ווען אין היכל־המשיח, די גאולה שעה האָט געקלאַפּט,
האָט משיח פון קראַנקן בעט, שנעל זיך אויפגעכאַפּט,
אַ געשפּאַנטער ס'אייזעלע מיט זיך אַליין איינגעשפּאַנט,
האַלזענדיק דעם שופר אין זיין פלאַמיקער האַנט.

שוין לאַנג פון זאַלבונג, געווען אַדורכגעווייקט
און אַלעם בייז צום גוטן, שוין געווען אויסגעלייגט,
שוין געהאַט געשאַלט די תקיעה גדולה,
רופט דער בורא־עולם אים צוריק,
מיט אַ מילי־מיליאַניקן שטערן־בליק!

„גייסט דאָך מחיה־מתים זיין, נרים יהודה לייב פּרץ'ן מיט דער בשורה,
אַז זיין ניט געבוירן וואָרט, לעבט, און זינגט פאַר מיר שירה,
און געדענק מיין גוטהאַרציקן כעסן, מענדעלע דעם זיידן,
בפרט שלום עליכם'ן, מיין געליבטן אויסלאַכער פון ליידן.

„דער קאַלטער פּראַסטיקער ערנסט איז דאָך געלעגן ווי שימל,
זייט ימי־בראשית, באַדעקט, געשטיקט מיין ערד און הימל,
ביז עס איז געקומען שלום עליכם מיטן גליענדיקן געלכטער
און ס'האָט געפּלאַצט די פּראָסט צווישן מיינע זון און טעכטער.

„נעם אויך מיט דעם בעבער פון ברכות פאַר בעל־מחשבות,
דעם קערנדיקער קריטיקער פון די ליטעראַרישע אבות,
אַ געטריי הייבן געווען, אין די שאַפערישע געצעלטן,
ווי מיטן האַמער פון וואָרט, ווערן געשמיד וועלטן.

„ער איז געשטאַנען ביי די חבלי־לידה,
ווי דער מלאך הגואל ביי דער עקידה,
מחניך געווען ס'וואָרט לתורה, לחופה ולמעשים טובים,
און פאַרבליבן דער נאָנסטער קרוב פון אַלע קריטיקירנדע קרובים.

„נרים אויך ר' יהודה הלוי'ס טענער ווי טרערן,
זאָג זיי, אַז זיי טוען זיך פּרוכפּערן און מערן,
זאָג זיי, אַז דו האָסט געזען ווי ציון ווערט געבויט,
פון די צוויי בוימייסטער! לעבן און טויט.



„קלאַפּ אָן אין ביאַליקס קבר למען השם!
זאָג: הער, חיים נחמן און פאַרנעם,
עס וואַקסן פעלזן פון „פאַרוועלקטן גראָז“...
פאַרנעם נישט, משיח־לעבן, זאָג אים דאָס.

„ווייל ווער נאָך ווי דו, קראַנקער, געהיילטער ווייסט,
אַז דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטער טרייסט,
יעקבס פריינט און פיינט, זיי אַלע ווייסן,
אַז ישראל שטייט אויף תחית־המתים.

„יאָ איך האָב דאָך עפּעס אַ שם פאַר אַ גרויסן געבער,
טאָ נאַריר אַ טעפּעלע זונענשיין פאַרן קוילנגרעבער,
און דאָ האָסטו אַ בינטעלע חלומות אינם לבנה־קייבערל,
אַ רפואה שלימה פאַרן ניכטערן שרייבערל.

„נאַדיר אויך אַ שטראַל אין דער נשמה, ווי אַ נאָדל אין לאַץ,
פאַר שוסטער און שניידער אָן אמתער שאַץ,
אָן סחורה, אָן קנעפּלעך, אָן לעבעלעך, אָן פאַרעם,
נייט עס דיר אוים די וואַרעמסטע בגדים.

„און דאָ האָסטו אַ שטעקעלע מיט זאַנפטיקע בשמים,
דער ריח־נחוח פון מיין הייליגסטן נאָמען,
יעדער וואָס אָטעמט דערפון, זאָל ער זיין ווי טויט פאַרלוירן,
מיטן אייביקן לעבן געפינט ער זיך ניי־געבוירן.

„קום צוריק אַ ווײַלינקע, זעסט, אין גאַנצן פאַרנעמען,
דיר צו געבן אַ קרינעלע מן פאַרן אייזעלע צו עסן,
נאָר למען־השם, משיח־לעבן, יעדער מתנה און גריס
פריש און היים אין האַרץ אריין גיס.

„זיי זיכער טאַטעניו“ — איז אים מבטיח משיח —
אַז די ברכות און מתנות וועל איך ניט האַלטן פאַר זיך,
איך שווער דיר ביי דיין שם, וועלט־באַרימט און הייליג,
אַז קרינגן וועט דער צדיק ווי דער רשע זיין חלק...

ציטײַלנדיק ס'געטלעכע עשירות לייגט נאָך צו משיח,
אַקאַפּעטשקע זאַלב־אייל מיט אַ שמייכל פון זיך,
ווערט אים טרוקן, בוקט ער זיך צום אל־חי,
צו ווערן געזאַלבט און געבענטשט אויפסניי.

און אזוי ווי ער רייט א באַגליפּענער, א גנוזגנטער.
באַלאַרנט מיט כל־טוב ווי א באַרגנגטער,
אזוי ווי ער רייט דורך די האָריזאָנטס גאָלדענע טויערן,
און שטערן קלימפּערן אין אייזעלעס אויערן.

שאַלט און פרעגט דער שופר־של־משיח!
פון וואַנען ווייסטו עס אייזעלע אז איך בין מצליח?
עפּעס גייסטו ניט, נאָר דו טאַנצסט און שפּרינגסט,
עפּעס רעדסטו ניט, נאָר דו לאַכסט און זינגסט.

„האָט זיך דאָס אייזעלע מיט א תשובה צוגעאיילט,
מיינע אויערן האָבן עס מיר דערציילט,
אז ביי די מלאכי חבלים און מזיקים,
די מיטגלידערשאַפט שרעקלעך פאַלט,
אָבער ביי די ל"ו צדיקים
שטייגט עס א געוואַלד!

(ווייטערע קאַפּיטלעך פאָלגן.)

---

## לעאָ קעניג

# אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאַגער

ג.

„דאָס גלעזערנע אויג"

מען האָט געפרעגט אלדדן (ס'איז געווען, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, אין דער שיינער פּריוואַטער ביבליאָטעק פון אונזער פריינט, דער שריפט־שטעלער יוסף בן נון):

„פאַר וואָס פאָרסט ניט אַרויס אביסל צו זען די לענדער פון אונזער חורבן? רעדסט אזוי פיל און מיט אזוי פיל צער און ווייטיק פון אונזער גרויסן חורבן... זאָגסט נביאות וועגן זיינע פאָלגן.. און דו רירסט זיך ניט אַרויס פון אונזער אינזל... מיינסטו ניט אז דו וואָלסט געדאַרפט אליין מיט די אייגענע אויגן זען די לענדער פון אונזער שארית הפליטה?"

„אין דומה ראיה לשמיעה" — האָט א צווייטער צוגערעדט....

און א דריטער האָט צוגעהעצט:

„און ס'איז אפשר גאָרנישט אזוי ריכטיק אליין זיצן פון דער ווייטן און ברוגז זיין אויף אונזערע ריכטער און כלל טוער, וואָס האַלטן אין איין פאָרן און קומען פון דאָרט און פאַראייביקן זייערע זעאונגען אין פּאָעמעס... מען דאַרף אליין פאָרן אהין, זען און ביישטיין דעם נסיון..."

אזוי האָבן אים די עטלעכע פאַרזאַמעלטע פריינט דערקוטשעט מיט פראַגן... און ווען סוואָלט ניט געווען מיט א געוויסער פריינטשאַפט צו אים



(אויף ווי ווייט אמתע פריינטשאַפט עקזיסטירט צווישן פריינט און חברים...) וואָלט עס אויסגעזען ווי מען האָט געכאַפּט א מענטשן און מען וויל אים אַריינאַרן אין א פּאַסטקע..

אלדד האָט זיך לאַנגזאַם, „אָריענטאַליש" אויפגעהויבן, דאָך אביסל צו־פרידן וואָס מען האָט צוטון מיט אים, כאָטש ער איז דאָך ניט מער ווי א אלדד און האָט זיך מיט זיין שטילער, הייזעריקליכער שטימע אָנגערופן:

„איר מיינט אז איך האָב זיך אסך מאָל אליין ניט געזאָגט אז איך דאַרף אַרויספאָרן און אליין זען... איר מיינט אז איך מוסר זיך אָפּט ניט אליין פאַר וואָס איך בין א ווינקל־מענטש, א נחבא אל הכלים... איך ווייס אז ס'איז ניט גוט צו זיצן אין פיר אייַלן און זויגן פון פינגער... מען דאַרף זען די וועלט... און איך וועל נאָך עפּעס זאָגן, פון ווייטן זעט אַלעס אויס נאָך פיל שרעקליכער ווי ס'איז, פון ווייטן שטעלט מען זיך פאָר נאָך ערגער ווי ס'איז.. ווייל ווירקליכקייט, די שוידערליכסטע אפילו, האָט הומאָר, לופט... און איך וואָלט געדאַרפט אַרויספאָרן זיך אליין גרינגער צו מאַכן, ניט ווי אייניקע מיינען אז איך וויל ניט פאָרן ווייל איך וויל זיך ניט ווי טון, ווייל איך איך בין א בעל פחדן, וואָס איז אויך אמת....

— נו, פאַר וואָס זשע פאָרט איר טאַקע ניט אביסל קיין פּויקן... פאַר וואָס פאָרט איר טאַקע ניט א קוק טון ווי עס זעט אויס א יידיש שטעטל אָן יידן?....

אלדד האָט א שווערן זיפץ געטון:

— ווי א יידיש שטעטל אָן יידן, ווייס איך שוין ווי עס זעט אויס... עס זעט אויס ווי א שול א ליידיקע אָן מתפללים... אָדער ווי א שול נאָך האַלבער נאַכט, ווען נור ניט זעבאַרע מתים אין תכריכים דאַווענען... ס'האָט אונז אלע־מען א שוידער געטון פון זיין משל... און איך האָב שוין געהאַט א טראַכט געטון: נאָך וואָס דאַרף ער טאַקע פאָרן, ווען ער זעט אזוי בילדלעך און אמתדיק פון דער ווייטן?....

אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן אויף זיין שטיינער רעדן:

„איך וועל אייך זאָגן פריינט פאַר וואָס איך וויל ניט אַרויספאָרן: איך האָב מורא פאָרן ג ל ע ז ע ר נ ע ם א ו י ג..."

כאָטש מיר זיינען אלע שוין געוואוינט צו זיינע ווילדע רייד און פאַראַ־דאָקסן, זיינען מיר געבליבן ווי פאַרבלעפט: א גלעזערן אויג? וואָס רעדט ער וואָס?

אָבער ער האָט שוין ווייטער גערעדט:

„יאָ, איך האָב מורא אַרויסצופאָרן, ווייל איך וויל זיך ניט באַגעגענען מיטן גלעזערנעם אויג, אָדער ריכטיקער מיט דער מעשה פונם גלעזערנעם אויג... ווי איך זע קענט איר נאָך ניט די מעשה מיטן אויג פון גלאָז... מוז איך אייך בקצור דערציילן די מעשה וואָס איך האָב שוין געהערט דריי מאָל... און איך האָב מורא אַרויסצופאָרן איך זאָל זי ניט הערן א פערטן און פינפטן מאָל... אָדער ווער ווייסט וויפיל מאָל נאָך... דאָס ערשטע מאָל האָב איך גע־הערט די שיינע מעשה פונם גלעזערנעם אויג אין דער צייט פון דער קריג,

אין די גלות לאנגע „בלעק־אאוט" און בליי־נעכט אינם קליינעם הייזל פון מיין צי אייער חבר מידה. דער פיינער מאלער א. איז דארט אויך געווען, און כדי צו פאררעדן די שיסערייען האט מען זיך דערציילט מעשה'ס און וויצן. און ווי איר ווייסט דערציילט א. פראכטפול א געשיכטע. דער קלוגער און שטאלצער א. האב איך פון אים דאן דאס ערשטע מאל געהערט די מעשה מיטן „גלעזערנעם אויג":

ס'איז אמאל געווען א זער רייכער שפאניער, איז ער געווען שרעקליך קארג און ער האט געהאט איין גלעזערנעם אויג וואס האט אים אפגעקאסט א וואלד מיט געלט מען זאל עס ניט קענען דערקענען, אונטערשיידן פון זיין אמת אויג. איז איינמאל צו אים א ארימאן געקומען נאך א נדבה, האט אים דער רייכער, קארגער שפאניער געזאגט: אויב דו וועסט דערקענען מיין אויג פון גלאז, וועסטו קריגן וואס דו ווילסט. האט דער ארימאן דערקענט דאס גלעזערנע אויג. „ווי אזוי האסטו עס דערקענט" — האט געשטוינט דער קארגער.

„ווייל אין דיין גלעזערן אויג איז דאך דא אביסל מענטשליכע גוטסקייט" — האט אים געענטפערט דער ארימאן.

איר קענט זיך פארשטעלן ווי גוט אונזער פריינט האט דערציילט די שיינע מעשה פונם גלעזערנעם אויג, וואס איך האב דאן געהערט דאס ערשטע מאל.

* * *

די מלחמה, ווי איר ווייסט צו איר ווייסט ניט, האט זיך געהאט געענדיגט. און ס'האבן אנגעהויבן קומען צו אונז דעפוטאציעס פון די לענדער פון אונזער חורבן צו די פארידענע אויפבוי און איבערבוי קאנפערענצן וואס מיר האבן געהאט דא און אין אמעריקע.

איינע פון די ערשטע דעפוטאציעס דא ביי אונז איז געווען פון די געבליבענע העלדן פון דער ווארשעווער געטא... איר געדיינקט — פראכטפולע מענטשן און יידישע אינטעלעקטואלן, וואס פאר יעדן פון זיי האט זיך געוואלט פאלן כורעים... איז אין איינער פון די ערשטע דעפוטאציעס געווען אויך א גאר יונגער בחור. א שיינער בחור מיט א עכט „אריש" אויסזען, מוז איך צוגעבן, וואס האט אים אסך געהאלפן אין זיין העלדיש־מארטירער לעבן אין די מלחמה יארן אין פוילן. געדענק איך שוין ניט צי איך האב אים געבעטן ער זאל מיר עפעס דערציילן פון זייער „לעבן" אין דער געטא, נור ער האט מיר דערציילט די פאלגענדיקע מעשה:

„...אונזערע קינדער, זעקס־אכט־צען־יעריקע, פלעגן גראבן גריבער אונטער די ווענט פון דער געטא, פון וועלכע מיר פלעגן ניט טארן ארויסגיין, און ברייננען פארשידענע שפייזן און קאמוניקאטן פון דער געהיימער ווידערשטאנד באוועגונג... — האט איינמאל אזא יידיש קינד (איך דערצייל עס בקיצור) געכאפט א דייטשער פעלדפעבל מיט... א גלעזערנעם אויג... האלט ער דאס קינד ביים קאלנער, האלב אין דער לופטן און זאגט צו אים: די



יודע, אויב דו וועסט טרעפן וואס פארא אויג מיינס איז פון גלאז, לאז איך דיך פריי"... האט דאס קינד, קלוג יידיש קינד געטראפן. פארשטייט זיך „ווייל דאס גלעזערנע אויג האט אים אויסגעקוקט מענטשלעכער'... און ער איז דערווייל געבליבן לעבן...

איך געדיינק ווי ס'האט מיר ווי געטון, ווען דער יונגער שליח פון דער געטא האט מיר דערציילט די מעשה פונם גלעזערנעם אויג... איך האב אים גארניט געזאגט אז איך האב געהערט די איינגע מעשה אין שייכות מיט א קארגן שפאניער וואס איז אמאל געווען... נאך וואס האט ער געדארפט די שיינע מעשה, ווען איין שעה לעבן אין דער געטא האט געמוזט זיין א אייביקייט דע פראפונדים? און איך בין געווען בייז אויף זיך פאר וואס איך האב די מעשה פריער געהערט... און איך האב דעמאלט אנגעהויבן מורא האבן פארן גלעזערן אויג....

און איצט...איצט איז פאפולער אין אמעריקע און אייראפע, א „בעסט סעלער" א בוך מיטן נאמען „קאפוט". עס איז געשריבן געווארן פון דעם געוועזענעם איטאליענישן קריגס קארעספאנדענט מאלארטע אויף די מזרח פראנטן... ס'איז א גוט בוך מיט טאלאנט און קינסטלערישע מעלות, און איצט ווען מען רעדט שוין „פונם קריסטלעכן און ציוויליזירטן דייטשנטום" און מען פארגעסט אזוי פאליטיש צו דערמאנען אפילו די אשוויצעס און די אנדערע נאצי גהינום'ס — איז דאס בוך „קאפוט" א נוצליך בוך. און איך האב געלייענט דאס בוך פון די דייטשע אכזריתון און פון זייערע אידיאטישע פירער מעגאלאמאנען, מיט וועלכע דער שרייבער פון בוך האט זיך געטראפן, מיט גרויס אינטערעס און פיין ביז... איך בין געקומען צו איינעם פון די לעצטע קאפיטלען אין בוך, וואס טראגט דאס קעפל „דאס גלעזערנע אויג"...

— וואס, האב איך זיך דערשראקן, וועט דער פיינער. טאלאנטירטער, איטאליענישער קריגס קארעספאנדענט מיר ווידער דערציילן די מעשה מיטן גלעזערנעם אויג, וואס איז מענטשליכער און האט מער גוטסקייט ווי דאס אמתע מענטשליכע אויג? ניין, עס קאן ניט זיין. איך האב אנגעהויבן לייענען דאס קאפיטל, און דער חשובער איטאליענישער שרייבער דערציילט אפילו וואו דער דייטשער גענעראל מיטן קינסטליכן גלעזערנעם אויג וואוינט איצט ערגעץ אין דייטשלאנד... א שאד וואס ער דערציילט אונז ניט צו דער רוסישער אדער אוקריינישער זעלנער, וועלכער האט זיך געראטעוועט. ווייל ער האט דערקענט די מענטשליכע גוטסקייט אין דעם דייטשן גענעראלס גלעזערן אויג — לעבט נאך איצט ערגעץ.... נור דאס בוך האב איך שוין ניט געענדיקט. ניט געקענט ענדיקן....

פארשטייט איר שוין פאר וואס עס ווילט זיך מיר אזוי ניט ארויספארן און באזוכן, ווי איך וואלט אפשר געדאפט, די לענדער פון אונזער חורבן: איך האב פראסט פשוט מורא זיך צו טרעפן מיטן גלעזענעם אויג. האט אלדר געענדיקט. — איך האב מורא פארן גלעזערן אויג, וואס האט מער גוטסקייט און מענטשליבקייט ווי דאס אמתע מענטשליכע אויג....

פאר וואס מוזן מענטשן אריינפאלן אין „ליטעראטור" און „ליטערא־

רישקייט״, און מיט די בעסטע כונות אין דער וועלט, ווען זיי דערציילן פון מעשים און פאקטן וואס זיי האבן אליין געזען און מיטגעלעבט און וואלטן אזוי ווי זיי זיינען געמאכט א פיל שטארקערן איינדרוק ווי די פיינסטע און שענסטע משלים און מעשה׳ס?....

און דאך איז עס מענטשליך... ווארום וואס איז ליטעראטור, קונסט אויב נים דער דראנג סינטעטיש אין א שיינער פארמע, אין א מעשה איבערגעגעבן די גרויע, טאג טעגליכע אכזריותן פון לעבן....

און ס׳קאן אויך זיין אז נאך אלעמען אז אין דער ליטעראריש־שיינער מעשה פונם „גלעזערנעם אויג״ איז דאך דא מער מענטשליכע גוטסקייט, ווי אינם נאקעטן, לעבעדיקן מענטשליכן אויג....

---

## י. ה. לעווי

## ס׳איז ליבער דאס פשוטע הויז מיר פון ציגל...

איך ליב נאך מיין היים וואו עס האט מיך געבוירן
מיין מאמע אמאל אויף דער פוילישער ערד, —
כאטש אלעס איך האב דארט אין פייער פארלוירן,
פארלירט אין מיין הארץ זי ניט קיינמאל איר ווערט....

ס׳איז ליבער און נענטער, ס׳געווויין, און ס׳געלעכטער,
פון טאטן און מאמען די פשוטע רייד —
מיר, איידער די גלאריע פון גרויסע געשלעכטער,
פארהייליקט, דערהויבן, און דאך אזוי וויים....

זיי זענען אויך גארניט געווען קיין געטער,
עס האט נאר דער טויט זיי געמאכט אזוי גרויס....
ווער ווייס וואס וועט פון אונדז מאכן נאך שפעטער —
ווען ער וועט אונדז האבן פארוויגט אין זיין שוים?....

ס׳איז ליבער מיין פשוטע הויז מיר פון ציגל,
דאס רעפטעלע ברויט פון דער מאמען דערלאנגט,
איידער דער פאלאץ פון גאלד, און פון שפיגל,
אמבראזיע, און נעקטאר, פון געטער געשענקט....

ווייל כ׳קאן דא דעם מענטשנס חלומות, און שטרעבן,
זיין האס און זיין ליבע, זיין שמייכל, און טרער, —
אזוי ווי עס קאן מיך דער מענטש מיט מיין לעבן,
ווייל ער איז ווי איך — און איך בין דאך ווי ער....



## די ערד איז ניט הייליק!...

וואס מ׳האט פאר דער ערד אלץ אוועק שוין געגעבן,
און ס׳איז אויף דער ערד נאך דעם מענטש אלץ ניט גוט,
די ערד מאכט ניט הייליק קיין מענטשלעכעס לעבן,
דער מענטש נאר מאכט הייליק די ערד מיט זיין בלוט....

אמעריקע, ענגלאנד, צי פראנקרייך, איטאליע,
צי יאפאן, און ס׳פינסטערע דייטשלאנד דערצו, —
וואס האט ניט געטאן אלץ די פרידנס פמליא,
צו ברענגען דער ערד דא ס׳גן־עדן פון רו?!

און וואס האט געבראכט זי דעם מענטש פארמאטערט,
וואס שלאגט אויף דער ערד זיך שוין טויזנטער יאר, —
און האט שוין מיליאנען פון לעבנס געפטערט,
אין יעדערן לאנד, פאר דער ערט יעדן דור?....

א, מער ניט גנבה, גזלה, רציחה,
מיט קנאה, און שנאה, פארפעסט יעדן ארט!
צעיושעט דעם אומענטש, אין מענטשלעכער פסיכע,
דורך גאלד, און דורך זנות, און דורך בלוטיקן מארד!....

די ערד איז ניט הייליק, דער מענטש נאר איז הייליק,
רייסט אויס יעדע גרענעץ און צוים וואס באשווערט, —
דעם מענטשן דאס לעבן, וועט האבן א חלק
פון לעבן — דער מענטש אויף דער גליקלעכער ערד!....

## איך האב ליב ירושלים!

איך האב ליב ירושלים,
מיט דער כותל המערבי, —
וואו געחלומט ס׳האט דער נביא,
ריין געלעבט לשם שמים....

דארט אין לאנד דעם „אלטן־נייעם״,
האט געזוכט זיין הימל־בליק:
פאר דעם מענטש דאס העכסטע גליק,
ניט באפלעקט מיט בלוט און וויען....

אונטער צערערן, און פּאַלמען,
האָט דעם נביא'ס האַרץ נאָך שלום,
און נאָך ליבע, רעכט, באַגערט; —
וויפל ר'האָט באַטרעטן ערט —
אַט אַזוי פיל הימל, חלום,
האָט ער אויך פאַרלאַנגט פאַר אַלעמען....

## אַזוי ווי דער ים...

אַזוי ווי דער ים קאָן מיין האַרץ זיך ניט שטילן,
דערטראָגט נאָר די פרייקייט וואָס איז ניט פאַרצוימט, —
עס שטורעמט און כוואַליעט, פאַרביי אַלע גבולן,
מיט צופלוס, און אָפּפלוס, און פּערלט און שוימט....

אַזוי ווי דער ים לויפט דאָס האַרץ מיינס און קלעטערט,
אויף בערגער פון כוואַליעס צום מענטשלעכן גליק;
און שרעקט זיך ניט קיינמאָל צו ווערן צעשמעטערט,
אין אייביקן לויפן אויף טויזנטער שטיק!....

אַמסטערדאַם 5 יולי 1948

קיטי בראון

## נערוועןֿ!...

אין אַ געוויסן טאָג, האָב איך זיך געפילט זער מיד, אָנגעשטרענגט, און באַשלאָסן זיך אַריינצולייגן אין בעט אויף עטלעכע שעה, מחמת, אויסצורוען מיינע שוואַכע צורודערטע נערוועןֿ.

און כדי ניט צו ווערן געשטערט, האָב איך אַוועקגעשיקט מיין גאַנץ הויזגעזינט פון שטוב, און זיי אָלעמען אָנגעזאָגט, זיך צו זוימען וואָס לענגער. דאָן האָב איך זיך געמאַכט באַקוועם אין בעט, און אָנגעהויבן דרימלען.

פּלוצלינג האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר פון מיין שלאָפצימער, און עס איז אַריינגעקומען מיין „נעקסט־דאָריקע" שכנ'טע.

דערזען מיך ליגנדיק אין בעט, האָט זי פאַרבראָכן מיטביידע הענט און אויסגערופן זער סימפּאַטיש:

— אוי ווי' איז מיר! איר ליגט גאָר אין בעט? נו, פּונקט ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט; איך זע עס איז שוין אַזוי שפּעט און אייך זעט מען ניט אין גאַס — איז ניט אַנדערש נאָר איר „מוזט" זיין קראַנק, און צוליב דעם בין איך טאַקע אַרויפגעקומען אייך זען.

גלייך ווי איך האָב זי דערזען, איז מיר שלעכט געוואָרן, ווייל איך קען זי פאַר אַ נודניצע. איך האָב תיכף גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי פון איר פּטור צו ווערן.



— יאָ, איך פיל זיך זער קראַנק, — האָב איך געענטפערט. — דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל צו קיינעם נישט רעדן, און איך דאַרף פון קיינעם ניט ווערן געשטערט.

— יאָ, — מאַכט זי, — עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש איז קראַנק מוז ער רוען, ניט אָנשטרענגען זיך, ווייל דאָס מאַכט דעם חולה נאָך ערגער ווי ער איז — זאָגט זי ווייטער מיט רחמנות, און בשעת מעשה זיך צוגעשפּאַרט ביי מיר אויפן בעט.

— וואָס איז אייער קראַנקהייט, מיט רעספּעקט צו מעלדן, מעג איך עס וויסן? — האָט זי ווייטער געפרעגט נייגעריק.

— מיינע נערוועןֿ זענען זער שוואַך. איך דאַרף וואָס מער שלאָפן, דאָס איז די איינציקע רפואה, האָט מיין דאָקטאָר געזאָגט, — ערקלער איך איר און איך האָב אַ געניץ געטאָן, מיט דער האָפנונג, אַז זי וועט זיך באַלד אָפּטראָגן...

— אַזוי? אויף נערוועןֿ ליידט איר, נעבעך? — זאָגט זי מיט אויטאָריטעט, פּונקט ווי איינער רעדט וועגן אָן ענין אין וועלכן ער איז באַ'הבנ'ט, דערביי מאַכנדיק זיך אַזוי באַקוועם אויפן בעט, אַז זי האָט מיר שיר צודריקט מיינע פיס...

— אָט דאָס זעט איר איז דאָך טאַקע מיין קראַנקייט, נישט פאַר אייך געדאַכט... איך לייד שוין פון איר באַלד צוואַנציק יאָר. דאָס איז אַזאַ וויסטער צוטשעפעניש פון וועלכן מען קען קיינמאָל נישט פּטור ווערן, און אויב איר ווילט געניי וויסן וועגן דער קראַנקייט, טאָ פרעגט מיך, וועל איך אייך איבערגעבן וואָס מען האָט זיך אַלץ אויסצושטיין פון דעם צרה'דיקן חולאת ביי אייך, פאַרשטייט איך, פאַנגט זיך עס ערשט אָן, איר זענט נאָך אַ גרינגע אין דעם פּרט, מחמת איר האָט נאָך נישט די ערפאַרונג וואָס איך. אָבער איך בין שוין אַן אַלטער קאַנדידאַט. איר מעגט מיך אויסהערן, עס וועט אייך צונוץ קומען מיין טייערע — האָט זי ווייטער גערעדט, נישט אַכטנדיק דערויף וואָס איך האָב פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן.

— אַמאָל, זעצט זי פאָר — האָב איך זיך געפילט אַביסל בעסער, און געמיינט אַז שוין, בין איך נעהאָלפן געוואָרן. פּלוצלונג האָט עס מיך אין מיטן נאַכט אויפגעוועקט, עס איז מיר געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז איך האָב געמיינט אַז אָט, אָט שטאַרב איך אַוועק... און אַזוי ווי איך האָב זיך דערשראָקן פאַרן טויט, האָב איך אויפגעוועקט דאָס גאַנצע הויזגעזינד. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר. ער האָט מיך גוט באַטראַכט און אויסגעפונען.... טרעפט וואָס?... אַז מיר איז גאָרנישט, איך בין געזונט, זאָגט ער, נאָר איך האָב זיך איינגערעדט אַ קרענק... צוגענומען עטלעכע פונט און אַוועק אַ בייזער, הלמאי מען האָט געשטערט זיין שלאָף. נו, האָט איר שוין אַמאָל געהערט אַזאַ משוגעת פון אַ נאַרישן דאָקטאָר? פונדעסטוועגן האָב איך אויסגעפונען, אַז אינגאַנצן משוגע איז ער נישט, ווייל אויף צומאָרגענס בין איך אויפגעשטאַנען געזונט און פריש, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט...

און פון דאַן אָן גייט מיין מאַן אַרום אַ ברוגזער אויף מיר. טאָמער גיב איך אַמאָל קרעכץ, צובייזערט ער זיך און לויפט אַוועק פון שטוב. אָבער ער מיינט ניט קיין שלעכטס, אדרבה זאָל אים אָנקומען וואָס ער ווינשט מיר... וואָס קען מען טאָן, אַז זיי, די מענער, ווילן נאָר מען זאָל שמייכלען צו זיי. היינט גיי שמייכל אַז ס'שמייכלט זיך ניט. דערפאַר זאָג איך, אויב ביי אייך וועט אַמאָל דאָס טרעפן אין מיטן נאַכט דאַרפט איר זיך ניט שרעקן, ווייל אין דער אמתן איז עס נישט קיין געפערלעכע קראַנקייט, און מען שטאַרבט נישט דערפון. פונדעסטוועגן, מעגט איר הערן וואָס עס קען זיך טרעפן מיט אַ מענטשן, וועלכער ליידט פון נערוועז.

און זי האָט פאָרטגעזעצט:

— איינמאָל איז מיין אַלטער נישט אַהיים געקומען אין צייט פון דער אַרבייט; עס איז אַוועק אַ שעה, צוויי און דריי, און ער איז נישטאָ. האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן און קלערן, וואָס דאָס קען זיין, איז מיר פלוצלינג איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז נישט אַנדערש, נאָר ער האָט געהאַט אַן „עקסידענט", מען האָט אים איבערגעפאָרן, ער ליגט אין האָספּיטאַל אַ צו'מזק'טער, און אָט וועט מען מיך באַלד קומען רופן... און איך זע זיך שוין מיט מיינע אייגענע אויגן שטייען ביי זיין בעט, עס פאַרקלעמט מיך ביים האַרצן, איך פאַרברעך מיט די הענט און צעוויין זיך אויפן קול פונקט ווי אַ קליין קינד. פאַלן צו מיר צו די קינדער דערשראָקענע און פרעגן: מאַמע, וואָס וויינסטו? ענטפער איך, קינדערלעך מיינע, אייער טאַטע ליגט אין האָספּיטאַל און האַלט זער שלעכט... דערשרעקן זיך די קינדער און וויינען, גלייך מיט מיר און ס'ווערט אין שטוב ווי יום כפור צו כל נדרי, נאָר באַלד עפנט זיך די טיר און... מיין אַלטער קומט אַריין אַ פריילעכער, אַ ביסעלע ב'גלופין, און זינגט זיך אונטער אַ פּאָפּולער לידעלע פון יידישן טעאַטער, דערציילט אַז ער האָט אָנגעטראָפן אין גאַס אַן אַלטן גוטן ברודער, איז מען אַריין אין שענק, גענומען צו ביסלעך און דעריבער האָט ער זיך פאַרזאַמט. כאַפּט מיך אַרום קושן, און וויל דווקא איך זאָל מיט אים גיין אַ טענצל... נו, האָט איר שוין געהערט אַזאַ מין אַנשיקעניש?!... אַז ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אָט די נאַרישע נערוועז. שוין יאָרן לאַנג גיי איך אין האָספּיטאַל, זע דאָרט אַ גוטן דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט, נעם מעדיצין מיט פילען. אָבער עס העלפט מיר ווי אַ טויטן באַנקעס. איך זאָג אים, דעם דאָקטאָר, אַז איך האָב נישט קיין אַפּעטיט צום עסן, קען ניט שלאָפן, און וויל אים נאָך עפּעס זאָגן, הייסט ער מיר אַרויסשטעקן די צונג און האַלטן אַזוי לאַנג אַרויסגעשטעקט ביז ער פאַרשרייבט די מעדיצין, וועלכע ער הייסט מיך נעמען נאָכן עסן. און די פּילן גיט ער מיר צום שלאָפן. זאָג איך, הער דאָקטאָר לעבן, איך האָב דאָך אייך נאָר וואָס געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין אַפּעטיט און קען ניט עסן; זאָגט ער: נעמט פאַרן עסן, עס איז אַלץ איינס... דאָס מיינט, טייטש איך אויס, אַז איך בין שוין אַ קאַנדידאַט פאַר יענער וועלט. נאָר די פּילען צום שלאָפן זענען יאָ גוט. וואָסזשע טוט מיין נאַרישער מאַן? אַזוי ווי איך נעם אַ פּיל און שלאָף



איין געשמאַק, וועקט ער מיך אויף, פּונקט צו דער שעה, איך זאָל נעמען נאָך איינע, אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסן... נאָר דער עיקר האָט ער מיר פאַרזאָגט צו רעדן אַ סך, ווייל דאָס איז פאַר מיר סם המות. נו, היט איך זיך טאַקע דערפון, ווי פון אַ פייער. אָבער מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש און אַ פרוי דערצו. רעדט מען אַמאָל עטלעכע ווערטער מער ווי מען דאַרף. ווי זאָגט איר, האָב איך רעכט צי ניין?

איך בין געלעגן און געפילט דעם טעם פון טויט. זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, און זיך דערשראָקן. איך האָב אפנים אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי איך האָב געפילט האָט זי זיך אַ האַסטיקן שטעל אויף געגעבן, אַזוי אַז דאָס גאַנצע בעט מיט מיר האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און אויסגערופן:

— ווייַ איז מיר, איך זיץ שוין דאָ אַזוי לאַנג און איר האָט נאָך אין אייער מויל קיין ביסן נישט געהאַט. איך וועל אַריינגיין אין קיך אייך מאַכן עפּעס עסן אָדער טרינקען, איר זעט דאָך אויס פאַרחלש'ט...

— ניין, ניין, מען דאַרף נישט. — בעט איך זיך ביי איר. — איך וויל נאָר שלאָפן. איי ווען איך קען שלאָפן! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און איר צוגעוואָרפן אַ פאַראַכטעטן בליק.

— יאָ, ווען איר וואָלט געקענט שלאָפן, וואָלט פאַר אייך זער גוט געווען. איך וואָלט גערן אַראָבגעלאָפן און אייך געבראַכט איינע פון מיינע פּילס, אָבער איך קען אייך נישט לאָזן אַליין. איך וועל שוין בעסער צוואַרטן ביז איינער פון אייער פאַמיליע וועט קומען און אפשר וועט גאָט העלפן, איר וועט איינשלאָפן אָן אַ פּיל, וועט בעסער זיין. איר מיינט אַז דאָס איינגעמען איז אַזוי „גט? עס פאַר'סמ'ט דאָס האַרץ און מען קען חלילה שטאַרבן פון אַ האַרץ־שלאַג...

מיך באַגיסט אַ קאַלטער שווייס און איך פיל אַז אויב זי גייט נישט אַרויס פון שטוב, וועל איך צוזאַמענברעכן... נעם איך זיך ביי איר בעטן אַז זי זאָל גיין אַהיים, און איך פאַרזיכער איר, אַז איך קען בלייבן אַליין, איך וועל זיין „אַלרייט", אָבער זי וויל דערפון נישט הערן, און טענה'ט ווייטער:

— וואָס הייסט איך וועל אייך לאָזן אַליין? נו, וווּ איז יושר און רחמנות? איין מענטש מוז העלפן דעם צווייטן ווען ער איז אין אַ נויט. מען זאָגט אַז נאָר דאַן דערקענט מען אַן אמת'ן פריינד. איך האָף אַז פון היינט אָגן ווייטער, וועט איר שוין וויסן ווער עס איז אייך אַ פריינד... איך וועל דאָ ביי אייך זיצן אפילו אַ גאַנצע נאַכט, אויב מען וועט דאַרפן... — האָט זי מיר פאַרזיכערט.

איך האָב זיך אויפגעזעצט און מיט ביידע הענט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— וואָס קען איך טון פאַר אייך, טייערינקע? איך זע אַז איר פילט זיך נישט גוט, — האָט זי זיך ביי מיר געבעטן.

— „מיסעס", — האָב איך אויסגעשריגן מיט מיינע לעצטע כחות, נאָך דעם ווי מיין געדולד האָט געפּלאַצט. — „מיסעס", טוט מיר אַ טובה און גייט אַהיים, לאָזט מיך צורו, מיר איז גאַרנישט. איר הערט? גייט אייך פון דאַנען וואָס גיכער...

— איי, דאָס רעדן שוין נעבעך אייערע קראַנקע נערוון. — האָט זי מיט גרויס רחמנות מיר געטרייסט. — איך דוכט זיך נאָר אַז עס איז איך גאָרנישט. אין דער אמתן זענט איר געפערלעך קראַנק, מיין ליבע. איך גאָט זאָל אייך העלפן! שפּאָרט זיך צו און ליגט רוהיג. וועט עס אפשר איבערגיין און אַז איך וועט בעסער ווערן, וועל איך אייך מיטנעמען צו מיר אין האָס־פּיטאַל; דאָרט וועט איר זען אַ גוטן נערוון ספּעציאַליסט.

אַט דאָ האָב איך זיך שוין לענגער נישט געקענט באַהערשן. ווי אַ ווילדע חיה בין איך אַרויס פון בעט, געכאַפּט דעם פייער־אייזן, און אויסגעשריגן אויף דער העכסטער אַקטיווע:

„מיסעס“, אויב איר גייט נישט אַרויס פון דאַנען שפּאַלט איך אייך דעם קאָפּ!

זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, געעפנט די טיר און אויסגערופן מיט אַ ווילדן קול:

— געוואַלד, מענטשן, קומט אַרויף, זי איז איז נעבעך משוגע געוואָרן! מיט די ווערטער איז זי שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ. איך האָב זיך מיט מיינע לעצטע קרעפטן צוריק אַריינגעשלעפּט אין בעט, און אויף אַן אמתן אָפּגעלעגן צוויי וואָכן קראַנק...

# אוריאל בירנבוים

## די טערצינע

יידיש פון י. ש. טויבש

דאָס איז נישט קונסט, אויב דער נשמה'ס צער
ברעכט אוים מיט ווערטער, שטאַמלט, ווי אין גסיסה;
דער גרויסער קינסטלער איז אַ פינצטערער שר.

און צו זיין ווייטיק בויט ער זיך אַ תפיסה,
געפענטעט לאָזט ער זיינע ווערטער גיין
און אין די קייטן וויזט זיך זיין רבותא.

און ער איז שטאָלץ און שטאַרק, צו ווידערשטיין;
און מיט אַ סודות'דיק פאַרשלאָסענער מינע
שמירט ער די קייטן זיינע, מאַכט זיי שיין

ווי פערל, פּאַסיקע צו זיין בחונה.
עס איז אויף אים נישט חס זיין אייגן הארץ;
און אין פאַרשאַרטן פערז פון אַ טערצינע

פרעסט ער אַריין, נעפּאַרמעוועט, זיין שמאַרץ,
מיט אַט די קייטן אַרום האַלדז, די שווערע,
איז פון דער שאול תחתיה, טיף און שוואַרץ,

אַרויף צום הימל — ד אַ נ ט ע  אַ ל י ג ה י ע ר י.



# יוסף הערמאַן

## חיים סוטין

ס'איז אַ יוגנט־שפּיל, אָבער אויך עפּעס מער: מיר קוקן אויף בילדער און שאַפן פאַר זיך אַ מער־ווייניק איינהייטלעכן פּאָרטרעט פונם מאָלער.

מיר פאַרמאַכן אונזערע אויגן און זאָגן: אַט אַזוי ברוכט ער אויסזען, און דער פּאָרטרעט פון אונזער פאָרשטעלונג, ווען געשטעלט פּנים אל פּנים מיטן פיזישן פּאָרטרעט, וויזט אויף אַ באַזונדערן אמת: אונזערס איז דער פּאָרטרעט פון דער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער זייט פונם מאָלער.

קענען מיר זיך פאָרשטעלן פון סוטינ'ס אַרבייטן — אַ יונגען, ברייט־ביניקן, פייעריש־שטאַרק — געבויטן, סוטין?

איז דען דער פּאָרטרעט וועלכן מיר האָבן געשאַפן פאַר זיך פון זיינע אַרבייטן, נישט אין אמתן נאָענטער צום מענטש, וואָס זוכט שטילקייט און רו און האָט אויגן ווי אַ טויבער...

אמת, זיינע אַרבייטן רעדן צו אונזערע אויגן, אָבער אין די זעלבע צייט צווינגען זיי אונז, צו שפּיצן אונזערע אויערן, ווי מיר וואָלטן אויך געוואָלט עפּעס דערהערן. און מיר גלויבן אַז אויך סוטין האָט עפּעס געהערט אין דער שטילער באַציאונג פון זאַכן געזעענע.

זיינע אַרבייטן האָבן אַ מוזיקאַלישקייט פון נאָטן מער ווי פון אינסטרו־מענטן, און דורך דער דערוועקטער פאָרשטעלונגס קראַפט הערן מיר אַ קאַס־קאַדע פון מוזיק.

אַ2! סוטינס ניואַנסן פאַר ווייס!
סוטינס קרעסטשענדאָס פאַר רויט!
סוטינס בראַוואַדאָס פאַר גראָ!

און אין דער קעגנוואַרט פון דער אַט־אָ מוזיק טראַכטן מיר וועגן אַ מענטש נישט אין שטופּעס פון ענדערונג און ענטוויקלונג, נאָר וועגן אַ מענטש געווען ווי ער איז, מיט אייביקער אַלטקייט אויף זיין שטערן, אַן אַלט קינד, אַן אַלטע יוגענד.

פאַרוואָס האָט סוטין פאַרניכטעט אַלע זיינע יוגענד־אַרבייטן?

ער האָט געפונען רו נאָר אין אַ דוויערהאַפטן שטרייט. האָט ער פיינט געהט צייכענען און קיינער האָט ווען געזען אַ סוטן צייכענונג.

און די אַנעקדאָטן וועגן אים פּאַסן זיך צו אים.

זאָגט זיין פריינט: ווען ער האָט גערעדט האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין, און ווען ס'זענען געווען מערער מענטשן האָט ער געשוויגן.

און די אייביקע ברוגז־טרעגער זאָגן: ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, ביין און שלעכט.

זאָגט זיין פריינט: ער האָט געקריצט מיט די ציין ווען מען האָט אים געשטערט אין דער אַרבעט, און ער האָט שטענדיק געאַרבעט.

ס'איז נאַטירלעך אַזוי אַז ראָזשע־מאַרקס זאָל אָנהויבן אַ קאַפּיטל איבער די גרויסע איינזאַממע פון אונזער צייט מיט דעם נאָמען פון סוטן.

סוטין פלעגט זיך פרעגן: פאר וואס שרייבט מען צו מיר בריף? איך ענטפער קיינמאל נישט.

ס׳איז נאטירלעך אזוי אז זיינע ביאגראפן זאלן נישט זיין זיכער מיט דער דאטע פון זיין געבוירן.

זאגן די שפינער פון קאפע־מעשהלעך: ער איז געשטארבן איינזאם און נאך זיין לויה איז נאר נאכגעגאנגען פיקאסא איינער אליין...



חיים סוטין (פאטא)



דאס אלץ דא דערמאנטע, פאקט אדער פיקציע, פאסט זיך אינם פארטרעט פון סוטין.

ס׳פאסט זיך אין זיין פארטרעט אז אינם אנפאנג פון קריג, זאל סוטין נישט געפינען קיין שיף; אלטע קינדער באוועגן זיך לאנגזאם, — ער זאל בלייבן מוזן אין פראנקרייך, ווערן פארשיקט אין א קאנצענטראציע־לאגער, מיט אנדערע אומבאהאלפענע, און א דאנק א פאר פארערער, מערער ווי פריינט, ארויסקומען פון דארט.

זאגט זיין שילער: ווען כ׳האב אים ס׳לעצטע מאל געזען איז ער געגאנגען געבויגן איבער א שטעקן; רויטע אויגן, און די פעטע ליפן זענען געהאנגען האלב אפן. ער האט מיר געזאגט: „כ׳קען נישט מער מאלן, כ׳הער נישט מער קיין מוזיק, נאר גרילצן וועלכע מאכן מיך טויב“.

דערציילט ווייטער דער שילער: ווי א סימבאל, — א קאלומנע דייטשע זעלנער האבן דורכמארשירט און געהילכט מיט א קריג־ליד. סוטין האט געציטערט. א פאר טעג שפעטער אינם וווינונג פון בערטא ערנסט, דעם סורעאליסטישן מאלער׳ס מאקס ערנסט׳ס ערשטע פרוי, איז ער געשטארבן. איך בין דעמאלט געווען אין אויסבאהאלט. אבער אנדערע פריינט, יידן און נישט יידן, זענען געווען ביי דער לויה.

אונזער מאלעריי האט קיינמאל געהאט קיין שייכות מיט ארכעטעקטור, מיט ליטעראטור יא, אויך מיט מוזיק.

פונקט ווי אין אונזער דיכטונג האבן מיר קיין קארנעיל, קיין ראסין, אזוי האבן מיר אויך אין אונזער מאלעריי קיין ראפאעל, קיין פוסען.

אונזער קונסט פאסט זיך מערער צו צייט ווי צו רוים.

מיר האבן שטענדיק געפילט א חוב צום לעבן, מערער ווי צו מעטאדן. אפילו ווען מיר טראכטן וועגן מאנומענטאלע פארמען, סקולפטורעלע געשלאסנקייט, אפילו דעמאלט, זענען אונז נאענטער מיט זייער ביישפיל די אלטע עגיפטער ווי די גריכן; קאראוואדזשיא ווי לעאנארדא; ליוס לע נען ווי קלויד; זשעריקאלט ווי דאוויד, רואלט ווי ענגר.

דערפאר דארף סוטין קיין אפאלאגעטן. ער איז ארגאניש אונזערס. מיר שעצן אים אלע פאר דאס וואס ער איז געווען און איז געבליבן. סוטן, אונזער מאלערישע מוזיק.

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם“
די נייע פאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב

צו באקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— 5/6 פרייז —
ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי.

## ווי אַזוי איך האָב באַקענט דעם מאָלער מאַנע קאַץ

עס איז געווען אין אַן אָוונט פון אַ קאָנפערענץ פון דער יידישער קונסט און מאָלעריי.

ווייל דאָס לאָקאַל האָט געהאַט מערערע זאַלן, האָב איך געפרעגט ביי אַ גרופּע הערן וועלכע זענען געשטאַנען און גערעדט, אין וועלכן פון די זאַלן די קאָנפערענץ קומט פאָר. „דאָ”! האָבן זיי מיר פריינטלעך געענטפערט. איינער — אַ מאַן פון אַ קליינער פיגור מיט ווייס־זיידענע האָר אין ווינד — האָט מיר אויך פריינטלעך געענטפערט רעלעפירנדיק אַ נישט רוענדיקע אַמאַבוליטעט.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף איינעם פון די פרייע בענקלעך.

דער אומרואיקער הער — אַזוי ווי די פלאַטערדיקע בלעטלעך פון אַ בוים אין פולער נאַטור, פירט זיינע אויגן איבעראַל און איבערהויפּט איבער מיר, — די גרינע — גלאַנציקע אויגן — די פאַרשנדיקע, וועלכע וויסן צו קוקן שמייכלענדיק דורך סיי־וואָס פאַר אַ פאָרהאַנג אַזוי ווי דורך אַ קרישטאָל.

דאָס געשטאַלט — אַ הונדערט פראָצענטיקער מאָלער. אַ קאָסטיום — פון ברוינעם סאַמעט, אַ שניפּס פון רויטן שטאָף, אַ רויטן שאַל רייך אַרום האַלדז און אויך רויט די זאָקן, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אונדיסקרעט ווי אַ מאַנקעט פון די הויזן. ער רעדט ווייטער מיט די אַנדערע, און אָט זע איך אים נעבן מיר. ער האַלט אין ריידן מיט איינעם און שמייכלט צו מיר. גאָרנישט שטערט אים. ער איז פון די, וואָס סיי־ווו ער איז, פילט ער זיך ווי ביי זיך אינדערהיים.

„איר זענט אויך אַ מאָלערין?” פרעגט ער מיך.

„ניין”, שמייכל איך.

„פון וואַנען זענט איר?” האָט ער מיר געפרעגט, באַמערקנדיק מיין פרעמדן אַקצענט. „איר זענט זער אינטערעסאַנט”.

איך קוועטש צוזאַמען די ליפּן שמייכלנדיק. די אויגן זיינע — זענען אַזוי נישט באַרואיקט אַז זיי דריקן אויס אַ אינערלעכן רויש. ער מאַכט זיך פּלאַץ צווישן די בענקלעך, און אָט איז ער נעבן מיר.

„איר זענט שוין לאַנג אין פּאַריז?”

„ניין”.

„ווי שיין איר זענט”, זאָגט ער איינפאַך.

דער מענטש — דער מאָלער וואָס ער זאָל דאָס זיין — קומט מיר פאָר אַז ער איז פון די, וועלכע מיינען אַז ס'איז גענוג אַז זיי זאָלן האָבן הענט, קענען זיי שוין נעמען וואָס זיי ווילן.

„ווי אַזוי קען איך אייך נאָך זען? איך בין דער מאָלער מאַנע קאַץ”.

„איר האָט אויך דאָ עפּעס אויסגעשטעלט?” פרעג איך ווייזנדיק אויף די בילדער וואָס אויף די ווענט.



„דאָס בילד”, האָט ער מיר אָנגעוויזן מיטן קאָפּ, אויף אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגן ייד, פול מיט לעבן און מיט סעמיטישן סענסואַליזם.

„איר ווילט אין אַ טאָג נעמען מיט מיר אַ מיטאָג?”

אָריגינעל איז ער! דער פאָרזיצער האָט שוין געעפנט די קאָנפערענץ, און ער — נישט ער מאַכט זיך דערויס.

„אַ שיינעם דאַנק, ניין”, ענטפער איך אים.

„פאַרוואָס? איר זעט עפּעס שלעכטס אין דעם וואָס איך וויל אייך נאָך זען?”

„ניין, אין קעגנטייל. איך בין צופרידן כ'זאָל מאַכן באַקאַנטשאַפט צווישן די קונסט־שעפער פון פּאַריז, ווייל איך בין אויך אַ שריפטשטעלערין”.

„אינטערעסאַנט. קומט־זשע צו מיר איר זאָלט באַזוכן מיין אַטעליער”.

דאָס יאָ, — האָב איך מיר געטראַכט מיט אינטערעס. און — זאָגנדיק אים: יאָ, האָב איך זיך געמאַכט אַ צייכן ער זאָל זיין אויפמערקזאַם צו דער קאָנפערענץ, מחמת מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער נעמט זי גאָרנישט אין אַכט.

ערשט נאָך דעם ווי ער האָט גענומען אַ וואָרט, האָב איך באַמערקט אַז ער האָט גאָרנישט פאַרהערט. ער האָט גענומען דאָס וואָרט נישט ווי אַ קריטיק, ווי אַ רעדנער צוגעגרייט מיט אַקאַדעמישע אָבסערוואַציעס, נאָר פּלוצים, ספּאָנטאַן, אַזוי ווי אַ געשריי, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס באַקומט אַ קלאַפּ אומגעריכט.

צום טיש, פון וועלכן ער האָט גערעדט, איז ער נישט צוגעגאַנגען, נאָר האָט זיך צוגעכאַפּט, אַוועקוואַרפנדיק דעם שאַל און דעם מאַנטל — וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט — אויף אַ בענקל, און אין דעם מאָמענט האָט ביי אים שוין נישט עקזיסטירט גאָרנישט, אויסער דעם וואָס ער האָט געפילט אַז ער דאַרף ענטפערן דעם פריערדיקן רעדנער, אָדער — בעסער געזאָגט — אויך דער פאָר־רעדנער האָט אויך שוין פאַר אים נישט עקזיסטירט. מיט עטלעכע פרימיטיוו, נישט געזוכטע ווערטער, כמעט גלייכגילטיק, האָט ער געוואָלט אָפּווישן דעם איינדרוק פון דעם וואָס דער פאָר־רעדנער האָט געזאָגט, ווייל ווי מ'זאָגט ביי אונז: „אַז מ'רעדט פון הייליקייטן, דאַרף מען זיך צוערשט אָפּוואַשן די הענט”. אַזוי ווי דער פאָר־רעדנער האָט גערעדט פון דער יידישער קונסט, איז ביי אים אויסגעקומען ווי אַ פאַרשוועכונג. און ווי עס גיט אַ שפרונג אַ איינגעשטאָכענע חיה, ווייל זי האָט נישט עפּעס טייערעס ווי דאָס לעבן, פונקט אַזוי האָט געגעבן אַ שפרונג מאַנע קאַץ, ווען ס'איז אָנגערירט געוואָרן די יידישע קונסט.

ווי מאָדנע ער איז — דער מאָלער. — האָב איך געטראַכט, און זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל איך אים נאָך באַזוכן.

אין דעם באַשטימטן טאָג פון באַזוך — נישט האָבנדיק עפּעס אַנדערש צו טאָן, — בין איך געגאַנגען — פויל — באַזוכן אָט דעם קוריאָזן מאָלער, נאָר בלויז צוליב דעם כדי איך זאָל מיר פאַרנעמען מיט עפּעס.

דאָס הויז זײַנס האָט פֿון דרויסן אַ פּראָווינציאַנעלן אויסזען.

איך קלינג אין גלעקל, און עס עפֿנט מיר אויף טאַקע דער מאָלער.

ער איז לוסטיק, טראָגט אַ וואָלן העמד מיט פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן, אין די הויזן פֿון סאַמעט, זעט זיך קנאָפּ־אָן די קאָליר פֿון בעזש, צוליב די פֿאַרשידענע אײל־פֿאַרב פֿלעקן פֿון אויף זיי.

דער מאָלער לאַכט, ער זאָגט פֿריילעכע ווערטער און נעמט זיך אָפּוואַשן די הענט, וועלכע זענען אויך פֿול מיט פֿאַרבן. ער זעט אויס ווי אַ קינד, געכאַפּט ביי אַ פּאַסיאַן־שפּיל. ער זעצט פֿאַר צו רעדן פֿון באַד־צימער באַנאַלע ווערטלעך. איך קאָן שוין נישט אויפֿכאַפּן וואָס ער זאָגט. דער שפּיל, די גלייכגילטיקייט עקזיסטירט שוין נישט. מאַנע קאַץ׳ס סביבה, מאַכט אַז זאָלסט זיך פֿילן תּפֿילה׳דיק. נישטאָ קיין ווינקעלע ליידיק, אָבער — גאָרנישט איבעריק. אַלץ איז ווי געמאַכט וועגן אָרט ווו ס׳שטייט, און מיט אַלע יאָרהונדערטער וועלכע זענען אַריבערגעגאַנגען איבער די קעגנשטאַנדן. מיט זייער גאַנצער אַלטקייט, פֿילט מען אַז די וועלכע האָבן זיי געשאַפֿן, האָבן זיך פֿריער טובֿל־געווען ווי צו שאַפֿן הייליקייטן.

אַ וואַנט איז איבערגעדעקט מיט אַ שטריקעריי אין ווײַדנס, אונטערגעהאַלטן מיט אַ שטאָף כּדי ס׳זאָל זיך נישט צעפֿאַלן פֿון אַלטקייט. דאָס שטעלט פֿאַר אַ וויכּוח צווישן חסידים אין יום־טובֿדיקע מלבושים. איבערן פּליוש פֿון טעפּיך מיטן אָריענטאַלישן מוסטער, ליגט ווידער אַ יויזל געשניצט פֿון האָלץ, כּמעט אין נאַטירלעכער גרויס, — צו פֿאַראַכטן ווי אַ כּלי־זין קעגן דער צייט. דאָס גאַנצע האָלץ איז צעגעסן פֿון די מאָלן. אויף אַ לאַנגן, געשניצטן טיש, שטייט יום־טובֿ׳דיק אויבן־אָן צוויי מנורות און אַנדערע חפֿצים.

אַ בעט — מיט אַ פּאַלאַפּ ווי אַ חופּה דערמאָנט גלייך ווי אין אַן אַלטאַר. פֿאַרשידענע שאַפּקעלעך מיט אַ סך שופֿלעדלעך און שניצערייען אַזוי ווי אַ וועבעריי פֿון די פֿאַנטאַזיעס פֿון די מייסטער וועלכע האָבן זיי געשאַפֿן. די פֿאַטעלן פֿון פּליוש, האָבן אויף די אָנלען־זייטן די עשׂרת־הדיברות אויף ווייסן זייד מיט גאָלדענע אותיות. און איבער אַלעמען דאָמינירט אַ בילד אויף אַ מאָלער־שטענדער וועלכעס שטעלט פֿאַר אַ ייִדיש — פֿאַרליבט — פּאָר־פֿאָלק. דער פֿרוי׳ס תּאווה׳דיקע ברוסטן אַזוי ווי רייפֿע פֿרוכטן מיט די וואָרצלען אָן גלייך ווי זאַפֿטיקע ליפּן, וועלכע עפֿענען זיך ווי אויף צו געבן אַ קוש. — פֿאַרשטעלן דעם צניעות׳דיקן שמייכל פֿון אויף איר פּנים, וועלכע זי גאַרט מיט איר גאַנצן וועזן — כאָטש צוריקגעהאַלטן — צו איר מאַן, וועלכער איז אַזוי גלוסטיק, אָבער פֿול מיט מענלעכער שטאָלץ — און מיטן טלית אונטערן אָרעם.

דער סענסואַליזם פֿון דעם בילד, גיסט זיך איבער ווי אַ שפֿע פֿון לעבן ווי אַ וואַסער־פֿאַל, און האָט אַ טעם ווי אַ אַלטע קראַמע.*

---

* קראַמע: אַזאַ דייזשע אין וועלכער מ׳קוועטשט אויס די ווײַנטרויבן צו מאַכן ווײַן.



דער מאָלער מאַנע קאַץ האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט. ער איז לוסטיק און איז נעבן מיר. איך פֿיל מיך מחויבֿ צו ענטפֿערן אויף זײַנע רייד( אָבער איך געפֿין נישט די געהעריקע ווערטער. און אָן מײַן ווילן שעפּטשע איך:

„אַ מייסטער, ס׳איז אַזוי שיין ביי אייך.“

דער קינסטלער לאַכט ווי פֿון אַ געראָטענעם שפּאַס. און ער פֿירט מיך אונטער דורך אַ נישע מיט טויערן פֿון געשמידטן אייזן אין אַ חדר וואָס איז בלוי, מיט אַ אָרון־קודש, מיט אַ ספֿר־תּורה. און אויף די אַלטע מעבל־שטיקער — צעגעסן פֿון די מאָלן — שטייען אָנגעשטעלט חנוכּה־לעמפּלעך, בשׂמים־ביקסלעך, צדקה־פּושקעס, אַלטע ספֿרים און אַ מוזיקאַלישע אינסטרומענט ווי אויך אַנדערע אַזעלכע חפֿצים.

אויף דעם דיל אַ טעפּיך וועלכע שטעלט פֿאַר די עקדת יצחק, אויף פֿאַרשידענע ערטער — פֿאַרשידענע סקולפּטורן, אַ ביוסט פֿון אַ ייִד מיט צעפּלאָשעטע פּאות, מיטן אויסדרוק פֿון אַ אימפּעטנדיקן שוועבן ווי געטריבן פֿון אַ אינערלעכער קראַפֿט. גלייך ווי זי האָט נישט קיין אָנהייב און אויך נישט קיין סוף און דערמאָנט אין דער קבלה. אַ קרעפֿטיקע סטאַטוע פֿון וועלכנס נאָז־לעכער ס׳פֿלאַמט אַרויס פֿייער. און גלייך ווי ווען ער זאָל רירן מיט אַ לאַפּע, וואָלט ער חרובֿ געמאַכט אַלעס פֿון אַרום זיך. ער מאַכט דעם איינדרוק אַז ס׳רירן זיך ביי אים די מוסקולן אין ריטם פֿון אָטעמען. אָ, און די נבֿיא־סטאַטוע! ס׳איז פּשוט אַ נס. וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט און וואָס פֿאַר אַ פֿלינקייט פֿון פֿאָרמען, פֿון אַ בעל־כּעסן. ס׳פֿאַלט אָן אַ מרה שחורה פֿילנדיק זײַן איבערמענטשלעכן כּעס. וואָס פֿאַר אַ פֿינקלענדיקער כּעס באַווייזט משה, צעברעכנדיק די לוחות. ווי קליין פֿיל איך מיך אַנטקעגן אים. אַזוי קליין, אַז ס׳קומט מיר אָן כ׳זאָל פֿאַלן כּורעים. איך פֿיל ווי ס׳וואַקסט אין מיר אַ שמייכל וועלכער באַלויכט מיר דאָס פּנים און איך פֿיל מיך שטאָלץ וואָס כ׳בין אַ ייִדישע.

„אַ מייסטער“, זאָג איך, זאָגט מײַן האַרץ.

דער קינסטלער לאַכט און געפֿינט מיך שיין, גלייך ווי דאָס אַלץ פֿאַר וועלכן איך בין אַזוי ענטציקט, איז גאָרנישט אינטערעסאַנט.

ער פֿירט מיך אויף טרעפּ אַרויף, איך זאָל זען דעם אַטעליער. די זעלבע וואַנט פֿון גלאָז וואָס איז אונטן, גייט אַרויף ביז איבערן אַטעליער, איבער וועלכער זי רעפֿלעקטירט אַ שפּיל פֿון אַלערליי קאָלירן פֿון די פֿלעשער מיט פֿאַרביקע וואַסערן, וועלכע שטייען אויף איר.

אונטער אַ לייוונט — וואָס ער גיט עס אַ נעם־אַראָפּ מיט זײַנע גיכע באַוועגונגען, אַ ווערק, וואָס ער האַלט נאָך אין פֿאַרענדיקן. — דאָס איז די מאַמע רבֿקה מיט אַ שיפֿחה — זאָגט ער, אָנווייזנדיק מיר אויף צוויי סעמיטישע טיפּן פֿון די, וועלכע האָבן געלעבט צו הונדערט יאָר. שטילע, קרעפֿטיקע, אַרומגעהילט אין שטאַרקע פֿאַרבן צווישן וועלכע די זון שלאָגט זיך אָפּ. די וואַנט אין פֿאָן, האָט פּאָליצעס פֿול מיט בילדער.

„זאָל איך נאָך זען וועלכע ס׳איז פֿון די?“ בעט איך דעם קינסטלער. זײַנע קליינע, קײַלעכדיקע הענט כאַפּן ענערגיש אָן אַ בילד, נעמט עס

אַראָפּ פון דער פּאַליצע און כאַטש דאָס בילד איז גרויס און האָט אַ גראָבע ראַם, פונדעסטוועגן נעמט ער זי אין זײַנע הענט מיט לײַכטקייט און שטעלט זי אַוועק אויף דער שטאַפּליי.

כ׳זע פאַר מײַנע אויגן דעם אונטערשטן טייל פון אַ שוואַרץ, ווילד פערד, קרעפּטיק און פלינק, וועלכעס פליט אַזוי גלײַך ווי ס׳וואָלט מיטגעריסן די ערד, מיט אַ וואונד אויף אַ קלובע און מיט אַ ווויזיע פון אַ רײַטער. איך זע אַ ווילדער קעמפער וואָס רײַט אומגעקערט מיט אַ שווערד אין דער לופטן, און מאָמענטאַל כאַפּט מען זיך פאַרן קאָפּ כדי זי צו היטן. און הימל און ערד איז רויך און שטויב.

דער קינסטלער קוקט עס אָן, אָפּמעסטנדיק עס מיטן אויג, און מיט דער זעלבער ענערגישער באַוועגונג נעמט ער אַרויס אַן אַנדער בילד וועלכער ער שטעלט אַריף אויף דעם. צוויי ביוסטן פון פרויען, איינע אַ זיצנדיקע מיט אַ ענטבלויזטער ברוסט, דער זעלבער דזשען פון ברוסט, אַזוי ווי אַ גלוסטנדיקער קוש, און די אַנדערע — קעמט איר די האָר — רייך צעלאָזן. אָנקוקנדיק די צוויי פרויען, קען מען פאַרשטיין ווי אַזוי קאַרטיזאַנען האָט געקענט אָנרעגן מיט תאוה אָן אַסקעטן און הייליקע.

„וויפיל שיינקייט פון לעבן ס׳איז אין זיי“, זאָג איך דעם קינסטלער, און מער קען איך נישט זאָגן, ווייל דער קינסטלער שלאָגט מיר איבער די רייד, ריידנדיק פון ליבע. ער רעדט פון ליבע מיט דעם זעלבן איפער מיט וועלכן דער שווימער רעדט פון קרישטאָלענע וואַסערן, אָדער דער סקי־לויפער פון שניי־בערג. ער זאָגט אַז די ליבע איז ביי אים אַ נאַרונג, נאָך וועלכער ער אַרבייט מיט מער פּרוכטבאַרקייט.

דאָס דערמאָנט מיך אין אַ באַרימט בלעטל פון אַנאַטאָל פראַנס פון ראַדענען. ער פאַרשטייט ראָדענען און זײַנע ליבעס, ווייל ער איז אַ זשעני און ער מאַכט פון דער ליבע אַ זשעניאַלן קוואַל פון וועלכן ער זאַפּט זיך אָן. און פון אַנדערע ביאָגראַפן געפינען מיר אויך פון אַנאַטאָל פראַנס דאָס זעלבע.

מיר גייען אַראָפּ די טרעפּ פון דעמבן־האָלץ פון דעם אַטעליער און ער פירט מיך אַרונטער אויף טרעפּ פון שטיין אַראָפּ צום סופּסאָר. דאָ איז דער אַטעליער פון סקולפּטור. מ׳זעט עטלעכע סקעלעטן און אַ שוואַנגער־פרוי — נאָך אין מיטן פון דער אַרבייט. מיר גייען אַרויס צוריק אין דעם גרויסן צימער. איך זעץ זיך אין איינעם פון די פאָטעלן מיט די עשרת הדיברות און דער קינסטלער זעצט זיך אויף אַ ווייל אויף אַ זייט פון אַ פאָטעל. ער שפּאַסט, לאַכט קינדיש, און מאַכט זיך אַרומפאַרן אין די שופלעדלעך, ווייזט מיר אַ פּאַרטסיגאַר פון גאָלד מיט סימבאָלישע פיגורן אין מיניאַטור.

ס׳קלינגט דער טעלעפאָן. דאָס בילד מיט די צוויי געליבטע וואָס שטייט פאַר מיר, איבעראַשט מיך. איך זע אין מאָלער מאַנע קאַץ אַ רעוואָלוציאָנער, איינער וועלכער גייט אַרויס פון די קאָנווענציאָנעלע באַפּעלן. די יידישע פרוי — טאָר זיך נישט ווייזן די ליבע. אַזוי ווי זי טאָר זיך נישט ווייזן איר אויפגעדעקטן קאָפּ, און טאָר זיך נישט רעליעפירן איר עקזיסטענץ. מאַנע



קאַץ הויבט אויף דאָס געזעץ פון דער נאַטור העכער ווי דאָס געזעץ געמאַכט פון מענטשן, וועלכע זיי טועתן, ווילנדיק האַלטן די פרוי אין שאָטן און מאַכן דערפון אַ נאַציאָנאַלע עטיק. מאַנע קאַץ, ווייזט די פרוי אַזוי ווי זי איז, מיט אַלע אירע נאַטירלעכע אוצרות אַנטקייגן וועלכע דער מאַן, שטאָלץ — און טאָקע רעליגיעז מיטן טלית אונטערן אָרעם — פילט זיך גליקלעך.

פון דעם וואָס דער קינסטלער האָט גערעדט דורכן טעלעפאָן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַלץ היינט דאַרף ער נאָך גיין אויף אַ חתונה און אין אָוונט אויף אַ קאָנצערט און דער זייגער איז שוין האַלב זעקס.

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דעם קינסטלער מאַנע קאַץ, מיט אַן אוצר פון אײַנדרוקן. פון זײַן גאַנצן שפּאַסנדיקן אומרו, פון זײַנע כאַפּנדיקע און וויגנדיקע באַוועגונגען, שלאָגט אַרויס אַזוי ווי אַ לייט־מאָטיוו דער דינאַמיזם וועלכע ער כאַראַקטעריזירט אים אין זײַן קונסט.

איך האָב אים נאָך געזען, דעם קינסטלער, ביי אַ פּרעמיערע, וווּ ער האָט געשאָנקען אַ בילד דעם „איקוט“. דאָס בילד איז געווען פאַרקויפט פאַר אַ הויכן פּרייז. ווען איינער אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט געזאָגט שבחים דעם קינסטלער, האָב איך אים געזען שמייכלנדיק ווי פון חכמות, וועלכע האָבן אים אַמוזירט.

די אַרבעט וואָס דער קינסטלער האָט איצט פאַרענדיקט, איז אַ לייוונט — די גרויס פון אַ וואַנט — וועלכעס שטעלט פאַר דאָס פאַרוויקלעכן פון זײַן פאָלק אין דעם העראָאישן קאַמף פאַר זייער פאָטערלאַנד. מ׳זעט טיפן פון פאַרשידענע עלטער, פרויען, מענער, ספּאָרטיווע און רעליגיעזע, מיטן טלות אויפן קאָפּ, וואַכנדיק, קעמפנדיק און שטאַרבנדיק פאַר זייער אידעאַל, וועגן וועלכן מ׳האָט לאַנג געחלומט.

אין ד ע ר לייוונט — פונקט ווי אין די אַנדערע — שלאָגט אַרויס דאָס הייליקייט, די טיפן, מיט באַוואוסטזיין, זיכער אין זיך, אַז אַפילו די טויטע, איבערגעצויגן מיט דער מתים־שיין פאַרשפּרייט אויף זיי — האַלטן אין זייערע פאַרשטיינערטע פויסטן דאָס אַנגעשטעלטע כלי־זין, מיט וועלכע זיי באַשיצן די ערד פון זייערע אבות, אַזוי ווי אַ וואָרנונג פון יענער זייט — פון נאָכן טויט. און אַזוי ווי אַ יום־טוב איבער אַלעמען — אין מיטן דעם בילד — אַזוי ווי אַ סימבאָל פון נעכטן, פון היינט און פון מאָרגן, — די מאַמע רחל, — פול מיט גבורה פון איר פאָלק און פול מיט צער, וויינט איבער די טויטע, וויגט אָן די לעבעדיקע קינדער מיט מאַמעשע געטרייקייט, אין וועלכן מ׳זעט דאָס אייביקייט פון פאָלק.

מאַנע קאַץ דער ייד — דורכגענומען מיטן אידעאַל פון דעם קאַמף, פון די ליידן פון זײַן פאָלק, — האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל נשמה, פון זײַן נשמה אין דעם בילד, אַז איך האָב אים געזען מיד, מיט ווייכע באַוועגונגען, און ער האָט שוין נישט געלאַכט ווי זײַן טבע. ד י ז אַ כ ן דוכט זיך אים זענען שוין נ י ש ט קיין שפּאַס.

י. א. ליסקי

## אפשר דאַרף טאַקע לאָנדאָן ברענען?... •

אַלע פּראָגרעסיווע, סאָציאַלע ריכטונגען, צו וואָס פאַר אַ שאַטירונגען זיי זאָלן נישט געווען געהערן, האָבן אויף דעם געביט פון קונסט און קולטור אַלע שטענדיק זיך געאייניקט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז יעדעס פאָלק, יעדער שטאַם, יעדער ישוב דאַרף ציכטן און כאָווען און אַנטוויקלען זיינע אייגענע קונסט און קולטור כחות, זיינע אייגנאַרטיקע אויסדרוקן, דערגרייכונגען, באַגריפן און שאַפונגס־פאָרמען. אָנגעהויבן פון די גרויסע יידישע קולטור־צענטערן, ביז צו די קליינסטע זידלונגען, איז, אויף וויפל די יידן, וועלכע זענען געווען געגן אַסימילאַציע, האָבן געטריי אָפּגעהיט זייער אייגענע שפּראַך און קולטור, אויף אַזויפיל זענען זיי אויך געווען שטאָלץ אויף זייערע רעגיאָנאַלע צושטייערן, שטאָלץ אויף זייערע אייגענע פאַרשטייער און שאַפער, אויף זייערע אייגענע דיכטער, דענקער און דערציילער.

(שטאָלץ און געלטונג זענען אַן און פאַר זיך נישט שלעכט. ס'איז בלויז אָפּהענגיק מיט וואָס איינער וויל געלטן, מיט וואָס מ'שטאָלצירט. ווען מ'באַרימט זיך מיט געמיינהייטן איז מען געמיין, ווען מ'איז טיף אין האַרצן שטאָלץ אויף פשוטקייט, ערלעכקייט און גוטקייט, איז מען גרויס.)

אַט דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם, אַפילו ווען ער איז איבערטריבן געוואָרן, אַפילו ווען מ'האָט אייגענע קאַרליקעס געשטעלט העכער ווי די ריזן און גבורים פון אַן אַנדערן ישוב, אַפילו ווען דאָס באַרימען זיך מיט די אייגענע דערגרייכונגען איז אָפט געווען לעכערלעך־אָנגעבלאָזן איז דאָס, אין טוף גענומען, שטענדיק געווען אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, אַ סימן פון לעבנס־קראַפט, פון לעבנס־ווילן, פון לעבנס־פרייד.

אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון קונסט און קולטור, געפינט שוין די גייסטיקע פּרוכט, פון וואַנעט זי זאָל נישט שטאַמען, איר אייגענעם און געהעריקן פּלאַץ. און אַ ברכה אויף יענעם ישוב, וואָס איז שטאָלץ אויף זיינע שרייבער און געבענטשט זאָל זיין די שטאָדט, וואָס וואַרפט נישט נאָך קיין שטיינער, שפּייט נישט, פאַרפאָלגט נישט און לאַכט נישט אויס; געבענטשט זאָל זיין די שטאָדט פון וועלכער דער נביא מוז נישט אַנטלויפן.

ווען די זון שיינט און די ערד שפּייזט אירע געוויקסן, דעמאָלט וואַקסן קאַרטאָפליעס און ס'וואַקסן שמעקעדיקע עפּל, ס'וואַקסן רויזן און ס'וואַקסן קאָרן־בלימלעך, ווי אויך פּשוטע טשאַטקעס. ס'וואַקסט ווייץ און קאָרן און ס'וואַקסן רעטעכער מיט ציבעלעס; אונטער אַ קאַלטן הימל און אויף אַ שטיינערדיקער ערד, ווידער, ווערן די זאַפטיקסטע געוויקסן אויסגעמוטשעט, אויסגעמאַרכעוועט און אויסגעמאַרעט.

דער מאַנגל אין לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם, די פאַרשטענדעניש וועלכע איז נישטאָ, די אַכטונג און שעצונג, וואָס פעלט דאָ אין לאָנדאָן, פאַר די אייגענע כחות, דאָס קנעכטישע און לאַקייאישע בויגן זיך פאַר די ברייטע פּאָלעס פון



די פאַרביי־פאָרע, דאָס לאָזן פאַלן אַן אייגן איבערבעט און לויפן כאַפּן אַ פרעמדע פעדער, דאָס יונגלישע יאָגן זיך נאָך אַ פרעמדן כליסטיק און סוויסטיק, און דאָס נישט וועלן זיך אומקוקן אויף די אייגענע גייסטיקע בליענדיקע קאַרשן־ביימער, זאַפטיקע עפּל און ריפּע ווינשל־ביימער, האָט שוין דאָ אַ גאַנצע געשיכטע אונטער זיך.

אַזעלכע שרייבער ווי ברענער און גנעסין, האָבן זיך מאַטעריעל געמוטשעט, גייסטיק געבראָכן געוואָרן און פיזיש אונטערגעגאַנגען אין לאָנדאָן. ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד האָבן זיך געמאַטערט ביז זיי זענען פון לאָנדאָן אַנטלאָפן. שלום עליכם איז אין לאָנדאָן געווען גענוג אויף צרות און איז גענוג דערנידעריקט געוואָרן, ביז ער איז פון דאַנען אַוועק און איבערגעלאָזט דעם פאַרביטערטן נאָכזאָג „לאָנדאָן פאַרוואָס ברענסטו נישט?...״ ל. שאַפּירא, דער אמתער מייסטער פון דער קורצער דערציילונג האָט דאָ אויך נישט געפונען קיין וואַרעמקייט, קיין טיפע פריינטשאַפט און קיין גרויסן אינטערעס פאַר זיך. אַזאַ אינטערעסאַנטער שרייבער ווי לעאָ קעניג, וועלכער וווינט שוין אַ היפּשע פאַר יאָר אין לאָנדאָן און איז שוין דאָ זיכער אַ תושב, קען נאָך אויך קיין ברייטן שבת נישט מאַכן. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איינציקע בוך זיינס וואָס דער אַרבעטער רינג דאָ, האָט אַרויסגעגעבן איז נישט ווי געהעריק פאַרשפּרייט געוואָרן... און מיר ווייסן שוין וועגן דעם „גרויסן נחת אין וועלכן ער שווימט״. אַן אייגנאַרטיקער טיפער, און אמת עכטער יידישער דיכטער ווי שטענצל, וועלכער האָט מיט זיין בוך ירושלים, וואָס איז איצט דערשינען באַשטימט געבראַכט אַ נייע ווענדונג אין דער יידישער דיכטונג, אַ אידעאַליסט, וואָס שפּאַרט שוין גאַרנישט זיינע גייסטיקע און פיזישע כחות צו האַקן די היגע שטיינער. מוטשעט זיך דאָ אויך מיטן טויט.

און אַט האָבן מיר דאָ אין לאָנדאָן נ. מ. סידאַ, אַ דענקערין מיט אַ קראַפט און אָריגינאַליטעט פון געדאַנק, וואָס איז באמת אַ זעלטנהייט, מיט אַ שטאָלצן, דרייסטן און אויפריכטיקן גייסטיקן קוק אויף זאַכן, מיט הויכע עטישע און עסטעטישע באַגריפן און פּרינציפּן, אַ דענקערין, וואָס וואָלט אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ געווען די פרייד פון אַ קיבוץ, ווערט זי דאָ גייסטיק דערשלאָגן און אָפּהענטיק פון דער אָרומיקער קעלט, פיינטלעכקייט און שנאה. איך אַליין לעק דאָ אויך נישט קיין האָניק... און דאָס זעלבע איז שייך צו אַנדערע שרייבער, איניקע פון זיי מיט אַ פריערדיקן סטאַזש און יחוס, אַנדערע ווידער מיט אַ יחוס עצמו. אַלע אינאיינעם ליגן זיי טיף אין דער ערד.

איך ברענג דאָ בלויז די עוולות.— וועגן די מעלות פון די אַלע דאָ דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע שרייבער, וועל איך ברייטער רעדן אַ צווייט מאָל.

פון וואַנעט שטאַמט די קללה...?

זיכער, איז די אַסימילאַציע שטאַרק, די יוגנט ווערט דערצויגן אין די פרייע ענגלישע שולן, מיט אַ גרויסער און רייכער ענגלישער קולטור פון וועלכער זיי ווערן פאַרשלונגען, די חדרים און תלמוד־תורות, ווידער, גייען אויך נישט אונזער וועג און העלפן אונז אויך קנאַפּ וואָס. אָבער דאָס זענען

דאָך די צרות רבים פון וועלכע מ׳ליידט ערגעץ אַנדערש, פּונקט ווי אין לאָנדאָן

אונזער ספּיציפישע צרה באַשטייט אָבער אחוץ אַלעמען אין דעם, וואָס די קולטור טוער אונזערע, האָבן נישט די מינדסטע אחריות פאַר דעם גייסטיקן קיום פון זייער אייגענעם קיבוץ. זיי, די קולטור־טוער, האָבן אַליין גאָרנישט געבויט און ממילא פעלט זיי ממש די פאַרשטענדעניש, אָבטונג און ליבע צו די היגע שרייבער און דענקער. צו די היגע יידישע, שאַפערישע כחות.

ס׳קען זיין, אַז די דעמאָראַליזירונג פון די קולטור טוער ביי אונז, שטאַמט דערפון, וואָס לאָנדאָן איז געווען אַ מין אכסניה, אַ מין אַריינפאָר־הויז, און ווי מיר ווייסן, איז די מאָראַל פון אַ פאַמיליע, וואָס וווינט אין אַן אכסניה אָפּט געבראָכן, ס׳פעלט די אויטאָריטעט פון די עלטערן, ס׳פעלט די אינטימיטעט פון דער משפחה און ס׳פעלט די נאָרמאַלע און געזונטע אויסבילדונג פון פּרינציפּן, די גייסטיקע אָרדנונג און דאָס אַסימילירן פון איינדרוקן. מ׳איז צוגעוווינט געוואָרן צו דעם אייביקן רופן פון דעם טויער און צו דעם סקריפּען פון דער טיר און מ׳קען נישט באַנעמען און מ׳קען נישט פאַרנעמען די טענער פון טיפע, אויסגעהאַדעוועטע איבערלעבענישן, די קלאַנגען וואָס דריקן אויס דורכגעלעבטן צער, ווייטאָק, ליבע און פרייד; מ׳איז טויב צו דער מוזיק פון דרייסטן געדאַנק און עכטן געפיל.

און אויב די אייגענע קולטור טוער זענען אַזוי טויב, איז וואָסזשע קען מען שוין פון די פרעמדע דערוואַרטן, אַז אחוץ אַלעמען זענען נאָך דאָ פאַרזענלעכע פּניות און אויסרעכענונגען און דערביי איז דאָס וועלטל אַזוי קליין און די קרעמלעך אַזוי גרויס.

ס׳זענען פאַראַן צוויי־ערליי דורכפאָרער, דורכגייער און שכנים. ס׳זענען דאָ אַזעלכע וואָס גייען דורך דורך יענעמס פעלד מיט עהר־פאַרכטיקייט פאַר יענעמס פראַצע און פאַר יענעמס גערעטעניש, זיי האַלטן זיך ביי דער סטעזשקע און היטן זיך ניט אַרויפטרעטן אויף קיין זאַנג; און ס׳זענען, פאַרקערט, דאָ אַזעלכע וואָס טרעטן אַרויף מיט זייערע גראָבע שטיוול און האָבן דערביי די כוונה, אַז דאָרט ווו זייער טראָט איז געפאַלן זאָל שוין אַפילו מער קיין גראָז נישט וואַקסן. אין דער צייט וואָס אונזערע שרייבער זענען תמיד גרייט פריינטלעך אַנטקיגן צו קומען דעם ערשטן מין דורכגייער און באַזוכער, בוקן זיך אונזערע קולטור טוער דווקא פאַר דעם צווייטן סאָרט געסט און שכנים.

אָבער, אויב די היגע קולטור טוער דערנידעריקן דירעקט און אינדירעקט די היגע שרייבער, וועלכע זענען דאָך די אמתע שאַפער פון קונסט און קולטור, זענען אָבער די שרייבער אַליין צום גליק גאָרנישט אַזוי קליין ביי זיך. יעדער איינער איז ביי זיך אַ באַרג, אַ ריז, אַ גאָט. און ווען אַפילו ס׳קומט אָפּט צו צוזאַמענשטויסן צווישן די שרייבער אַליין, איז אָבער די זעלבסטווירדע פון די שרייבער אַ גרויסע מעלה, ווייל, אַז נישט וואָלט מען זיי שוין אינגאַנצן דערשטיקט.



אַזעלכע „גרויסע" גייסטיקע ווערטן, וואָס אונזערע לאָנדאָנער קולטור טוער ברענגען אַמאָל צו פירן פון אַנדערע לענדער וואַלגערן זיך ביי אונז אונטערן טיש, מיר האָבן שוין די נאַרישע, פּוסטע באַנאַלע און איבערפלעכלעכע פראַזעאָלאָגיע פון לאַנג אויסגעוואָרפן; און אַנשטאָט אונזערע קולטור טוער זאָלן קלייבן ברעקלעך פון פרעמדע טישן, זאָלן זיי בעסער שאַפן מאַגרן צו העלפן אַרויסגעבן אַ גוטע יידישע צייטונג, אַ צייטונג ווו ס׳זאָלן טיף און ברייט באַהאַנדלט ווערן די וועלט פּראָבלעמען פאַר וועלכע מיר שטייען, די פּראָבלעמען פונם יידישן פאָלק, און די אַנגעווייטיקסטע קונסט און קולטור פּראָבלעמען; ווי אויך אויפמערקזאַם צו מאַכן די יידישע וועלט אויף די גרויסע ליטעראַרישע שאַפונגען און לייסטונגען אונזערע, פאַר וועלכע מ׳וואָלט אונז באַשטימט מער דאַנקבאַר געווען ווי פאַר דעם באַר׳ם געלט מיט וועלכע אונזערע קולטור טוער פּרוּוון זיך פון צייט צו צייט אויסצוקויפן.

*מיר ברענגען דאָס אַרטיקל מיט דעם צוועק צו עפענען אַ דיסקוסיע, וועגן די זער אַנגעווייטיקטע פראַגן.

## אליהו פאלושאק

## בערלין — מאסקווע — ירושלים

1

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק וואָלט דאָס טעמא געהייסן: פּאַריז, בערלין, מאָסקווע. ס׳איז געווען דריי־פיר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פראַנקרייך איז דאַמאָלס געווען די שטאַרקסטע מיליטערישע מאַכט אין אייראָפּע און אין דער וועלט. דאָס פּראָבלעם רוהר־געביט און אויבער־שלעזיע, די עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע קאַפּאַציטעט פונם באַזיגטן דייטשלאַנד און די רעפּעראַציאָנס־פראַגן זיינען געשטאַנען אינם מיטלפּונקט פון אַלע פאַרהאַנדלונגען. ראַימאָנד פּואַנקאַרע איז געוואָרן דער נאָכפאָלגער פונם טיגער קלעמאַנסאָ און האָט געהאַלטן דעם קאַנטשיק איבער דעם „לאָבר סאַוואַטן שונא" פון אַמאָל, דייטשלאַנד האָט זיך שטאַרק געווערט.

ס׳איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד און פון אָרגאַניזירטער סימפּאַטיע אין די אַזוי־גערופענע נייטראַלע לענדער, ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן און דרום־אַמעריקאַנישע מלוכות. באַטש ס׳איז דאַמאָלס פראַנקרייך געלונגען צו שאַפן אַ „קאָרדאָן סאַניטער" אַרום דייטשלאַנד מיט דער הילף פון די צוויי יונגע רעפּובליקן: פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, דעם נייעם קעניגרייך יוגאָסלאַוויע און גרויס־רומעניע, האָט אָבער דאָס אויפקומען פונם פאַשיסטישן איטאַליע מיט זיין שנאה צום רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך און מחמת דעם איזאָלאַציאָניזם פון דער גרויסער צפון־אַמעריקאַנישער רע־

פובליק צוגעפירט דערצו, אַז ערשט שטילערהייט (און אפשר נישט גאַנץ אָן די הילף פון די היגע מאַכטהאָבערס) און נאָכדעם אָפּען און אומפאַרשעמט זיינען אויסגעוואַקסן אין דייטשלאַנד שטאַרקע נאַציאָנאַליסטיש־מיליטאַריסטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פונם דייטשן פאָלק און געבראַכט צו דער עראַ היטלער און צווייטער וועלט־מלחמה.

מיר זאָגן: נישט גאַנץ אָן די הילף פון די היגע מאַכטהאָבערס, ווייל זייט ענגלאַנד איז געוואָרן אַ וועלטמאַכט, האָט זי אייביק אינטריגירט קעגן יעדער קאָנטינענטאַלער מלוכה, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ כח. און אַזוי ווי דער דאַמאָלסטיקער זיגער פראַנקרייך איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוליב דער שוואַכקייט פון מאָסקווע און דער מפּלה פון דייטשלאַנד געוואָרן דער שטאַרקסטער כח פון אייראָפּע, איז גרויסבריטאַניע געווען גענייגט צו מאַכן גרויסע קאָמפּראָמיסן און פריינטלעכע זשעסטעס צו בערלין אויפן חשבון פון פראַנקרייך, פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. באַקאַנט איז די בריטישע שטעלונג קעגן יעדער מין פון סאַנקציעס לגבי דייטשלאַנד, קעגן דעם אַריינמאַרש פון פראַנצויזישע און בעלגישע טרופּן אינעם רוהרגעביט אין יאַנואַר 1923. אָט די אַלע אָפענע און באַהאַלטענע פריינטלעכע זשעסטעס לפני דייטשלאַנד האָבן פראַנקרייך שטאַרק איריטירט. גרויסבריטאַניע האָט דערמיט געוואָלט שאַפן אַ געזונטן „באַלאַנס", אַ דריטן כח אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט כדי זיך צו קענען פרייער ווידמען זיינע אימפּעריאַלע אינטערעסן אין דער גאַנצער וועלט, באַזונדערש אין די ניי־געוואונענע איינפלוס־ספערן און מאַנדאַטן־לענדער פונם נאָענטן מזרח, וועלכע האָבן איינגעשלאָסן ארץ ישראל, דעם עמיראַט עבר הירדן און דאָס אַמאָליקע מעסאָפּאָטאַמיע, דאָס היינטיקע קעניגרייך איראַק.

מאָסקווע איז געווען אויסגעמוטשעט פון מלחמה, רעוואָלוציע, אינטערווענציע מצד אַנדערע מלוכות, הונגער און בירגער־קריג. אַן אַבסאָלוטיסטיש־פיאָדאַלע אימפּעריע מיט הונדערטער פעלקערשאַפטן איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם מלוכה־און געזעלשאַפטס־סיסטעם, אויף די יסודות און פּרינציפּן פון דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. מאָסקווע האָט ראַדיקאַל אָפּגעשאַפט דאָס מלוכה'שע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סיסטעם פון נעכטן. די סאָציאַליסטישע 5־יאָר־פּלאַנען האָבן איינגעשפּאַנט דאָס גאַנצע פאָלק צו ווידעראויפבוי און אַרבעט. דאָס לאַנד האָט געברויכט שלום פון אינעווייניק און פון דרויסן. מאָסקווע איז נישט געווען קיין געפאַר פאַר דעם שלום פון דער וועלט.

דער באַגריף איז אַ נייער, אָבער שוין דעמאָלט האָט עקזיסטירט דער אייזערנער פאָרהאַנג. ס'איז געווען אַ געוואַלטיקע מחיצה צווישן מזרח און מערב. ס'איז קוים געווען אַ רייזע־פּאַרקער, אַ גייסטיקער געדאַנקען־און קולטור־אויסטויש צווישן רוסלאַנד און דעם מערב־טייל פון אייראָפּע. רוסלאַנד האָט זיך דאַמאָלס אָנגעהויבן אויף יענער זייט פון די פּריפּעטער בלאָטעס און צווישן איר און צענטראַל־אייראָפּע, איז געלעגן די יונגע רעפּובליק פוילן, אַן־אַליאירטע פון פראַנקרייך, און אָנגעפירט פון אַ רעאַקציאָנערע קאַטוילי־



שער און מיליטאַריסטישער קליקע מיט אַ שנאה צו דייטשלאַנד און אַ נאָך גרעסערער קנאה־שנאה צו מאָסקווע, דעם צענטראַל־פּונקט פונם גרעסטן מלוכה־און פאָלקס־פאַרבאַנד אין דער וועלט.

אָבער מאָסקווע איז נישט עפּעס סתם דאָס מאָסקווע פון אַמאָל, נאָך קיעוו די צווייט־עלטסטע רעזידענץ־שטאָט פון די אַלטע קניאַזן און דעם בלוטיקן צאַר איוואַן גראָזני און דעם אייראָפּעאיזירטן פּעטער ראָמאַנאָוו (וועלכער האָט שפּעטער סט. פּעטערסבורג, דאָס היינטיקע לענינגראַד, געמאַכט פאַר די הויפּטשטאָט פון אַלרוסלאַנד) — די שפּעטער פונם גרויסן אימפּעריאַלן פאַרנעם. מאָסקווע, אַמאָל די שטאָט פון „כאָראָק סאָראָקאָוו" (פערציק מאָל פערציק) צערקוועס, קאַטעדראַלעס און קאַפּעלן, איז דער הויפּט־צענטער פון דער מעכטיקער ווייט פאַרצווייגטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַלע... און דאָ הייבט זיך אָן די גרויסע ראָלע פון בערלין, אַ נייע וועלטשטאָט אינמיטן פון דער אָרימער זאַמד־פּושקע אינעם אַמאָליקן הערצאָגטום (אָדער מאַרקגראַפשאַפט) פון בראַנדענבורג, אַן־אויפגעקומענע גבירה'טע אָן שום יחוס־בריוו, געשיכטע און טראַדיציע, העכסטענס באַרימט מיט דעם בערלינער ווייסביר און אייזביין און זויערקרויט (אַזאַ מין נאַציאָנאַל־מאכל). און איצטער די הויפּט־שטאָט פון אַ געשלאָגן לאַנד, וועמען מען האָט צוגענומען אַמאָל געראַבעוועטע פּראָווינצן; פון אַ לאַנד וואָס מוז צאָלן רעפּאַראַציעס און נעבעך צוקוקן, ווי אַלע שכנים, קליינע און גרויסע, אַפילו די ניי־רעסטאַווריערטע מלוכות, ווי פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, דאָס פאַרייניקטע קעניגרייך יוגאָסלאַוויע און דאָס פאַרגרעסערטע רומעניע „שפּילן זיך אין זעלנער", רעדן הויכע גרויסע דבורים. און זי אַליין, די גרויסע גערמאַניע, מעג נאָר האַלטן אַ קליינע שאָטן־אַרמיי פון הונדערט־טויזנט זעלנערלעך מיט אַ באַגרעניצטער עקיפּאַזשע און אויסשטאַטונג, וואָס ס'האָט איר דערלויבט דער ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט.

זיינען געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד טעאָריעס, פילאָזאָפיעס און שיטות וועגן דער גרויסער דייטשער מיסיע צו ראַטעווען די „אַבענדלענדישע קולטור" (די קולטור פון מערב־אייראָפּע). אין וואָרט און אין שריפט האָט מען געדרשנט, אַז דייטשלאַנד איז דאָס האַרץ פון אייראָפּע, באַפעלקערט פונם פלייסיקסטן אַרבעטזאַמסטן פאָלק פון דער וועלט, אָנגעזאַפּט מיט חכמה, בילדונג און קולטור. און אַז ס'איז זיין מיסיע צו קעמפן קעגן דער געפאַר, וואָס קומט פון מזרח, פונם קולטור־צעשטערישן באָלשעוויסטישן איינפלוס, פון מאָסקווע, פון די מאָטערישע האָרדעס, פון אַזיע.

יאָ, מאָסקווע דאָס איז אַזיע... דאָס איז נישט נאָר בולט געקומען צום אויסדרוק אין די קאַמף־פּאַראָלעס פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטיש־מיליטאַריסטישע באַוועגונגען פון דער פאַר־היטלערישער עראַ, נייערט אויך אין די ווערק פון אָסוואַלד שפּענגלער, דעם גרעסטן דייטשן דענקער פון דער לעצטער עפּאָכע נאָך ניטשען. (זע זיינע ווערק: „אונטערגאַנג פונם מערב" און „יאָרן פון אַנטשיידונגען").

ספענגלער האָט שוין אינם יאָר 1929 געזאָגט: „מיר האָבן פאַר זיך מאָסקווע, פול מיט סודות, און פאַר דעם דענקען און פילן פונם מערב פול־שטענדיק נישט באַרעכנבאַר, וואָס איז זייט 1812 דער רעצידירענדער פאַקטאָר אין אייראָפּע, צו וועלכן עס האָט מלוכיש געהערט, — זייט 1917 איז עס אַ מיסטעריע פאַר דער גאַנצער וועלט. דער נצחון פון די באָלשעוויסטן באַדייט געשיכטלעך גאַנץ עפּעס אַנדערש, ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישער אָדערווירטשאַפטס־טעאָרעטישער שינוי. אַזױ האָט צוריק דעראָבערט רוסלאַנד נאָכדעם „אייראָפּע" האָט עס געהאַט אַנעקסירט מיט דער הילף פון פּעטער דעם גרויסן". („יאָרן פון אַנטשיידונג", דערשינען אין מינכען 1933.)

צוזאַמען מיט דער באַוועגונג קעגן דעם ווערסאַילער שלום־טראַקטאַט, אַ קאַמף, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע שיכטן, קלאַסן און פּאַרטייען פונם דייטשן פאָלק, זיינען אויפגעוואַקסן נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע גרופּירונגען, פּאַרטייען און שיטות, וואָס האָבן אויפגענומען די נייע פּילאָזאָפיע פון דער גרויסער דייטשער מיסיע. די שטאַרקסטע פון זיי איז געווען די היטלער־באַוועגונג, וועמענס לערע ס'איז אַריינגעדרונגען אין אַלע דייטשע מוחות אין און מחוץ דייטשלאַנד, אַפילו אין דייטש־אָפּשטאַמיקע באַפעלקערונגס־טיילן פון דרום־און צפון־אַמעריקע, אַפריקע, אָפּגערעדט שוין פון פון די דייטשע מינדערהייטס־גרופּן אין פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און פראַנקרייך.

טראָץ עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דעפּרעסיעס, וואָס האָבן פאַרוואָכט אַרבעטסלאָזיקייט, אָרימקייט און עמיגראַציע, איז די דייטשע באַפעלקערונג געוואַקסן. דייטשלאַנד, אינם האַרצן פון אייראָפּע, איז אויסגעוואַקסן צו אַן'אָנגעשטאָפּטן אַרסענאַל פון מענטשלעכע כחות און ענערגיעס, וואָס וועקט טעטיקייט, דראַנג און געוואַלט. עס זיינען צוגעקומען די פּראָבלעמס פון: פאָלק אָן רוים, די נייטיקייט אין לעבענסרוים, פון די אויפגאַבעס פון אַ העכערער אויסדערוויילטער ראַסע. עס איז אויפגעשווימען דער אַלט־נייער פּאַנגערמאַניזם מיט זיין אייביקער שנאה צום סלאַווישן מזרח און זיינע פעלקער, וועמען די „השגחה פּרטית האָט אויסגעקליבן צו זיין די משרתים און שקלאַוון פונם גערמאַנישן האַרן־פאָלק."

טיף אין זייערע הערצער ברענט די שנאה פון די אויסגעמישטערטע ווילדע באַרבאַרן: טויטאָנען, זאַקסן, פראַנקן און באַלטן צו אַזיע. פון וואַנען עס קומט אויך די נישט־צוגעפּאַסטע פאַר זיי אמונה פון ליבע און באַרמהאַרציקייט, וואָס עפּעס לאַנד־פרעמדע אָפּאַסטעלן האָבן מיט דער הילף פון מעכטיקע הערשער אויף זיי אַרויסגעצוואונגען. „דעם מוטיקן געהערט די וועלט!" און בערלין ווערט דער צענטער אינם „קאַמף קעגן אַזיע", קעגן מאָסקווע, קעגן דעם „יידישן באָלשעוויזם". קעגן די יידן אַלס קאָלעקטיוו. קעגן אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט. אַטילאַ גורט אָן זיינע לענדן צום קאַמף קעגן מאָסקווע און ירושלים.

(המשך קומט)



# פון בוך „ירושלים"

(צוויי נאָך נישט געדרוקטע לידער)

## אין דיין יעטווידן אות...

ס'האָט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט,
ביז פון זיין ליבשאַפט צו דיר ער איז אויסגעגאַנגען:
לבנה'ש־וואַנדלעריש מיט טעלערל פון הימל,
אַ וווּנדערלעכע מתנה דיך צו דערלאַנגען,
ס'איז דער אר"י הקדוש, מיט הענט צעפלאַכטענע,
שכינה קיגנגעגאַנגען מיט כלה־געזאַנגען.

צו חצות, נאָך האַלבער נאַכט, אין שפּעטער פינסטערניש
מיין טאַטע, מיין ברודער נאָך, אויפגעשטאַנען זיינען,
הימלען איינצורייסן, — הערצער זייערע, —
מיט ביטערע „הבט משמים"־געוויינען:
אין זייער שרעק, — אין זייער קדושה־בענקעניש! —
צו דערבליקן כאָטש אַן אָפּשיין פון דיינע שיינען.

און איך פאַרדורשטיקט, פאַרטרוקנט, אויסגעלאָשן,
טיף פאַרזונקען שוין אין די פינסטערע תהומען,
איינגעביסן כ'האָב מיך אין דיין יעטווידן אות,
מיט פאַרהאַקטע ציין שוין אין גסיסה־שוימען —
און פון מינדסט פינטעלע פון דיין קיצו של יוד,
אָנגעטרונקען מיט זאַפט־קערנדל פון מילגרוימען —

צעוויקלטע הימלען, אומענדלעך אין־סופיק,
צווישן פאַלמען־געשאַרך און טרויבן־בערג־ציג־צאַגן,
אַ ירועה מיט אותיות פול באַשריבן —
די שטערן זיינען די קריינדעלעך איבער די תגין!
אָנציטרונקן זיך מיט דיין יעדן אות — אַ כוס,
פול מיט מילגרוימען־זאַפט, פון קערעלעך תרי"ג'ן — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט,
ביז אויף דיין ערד געבליבן ליגן ר'איז אַ טויטער — —
מיט ציין אָצינד נ'דיין יעדן שטיין איינגעביסן,
מויער צו ווערן פון שטאָט צוריק אויפגעבויטער — —
אַ, ס'ליד הלוי'ס איניקלעך צו באַזינגען,
וועלכעס האָרץ איצט אַזוי ריין, אַזוי הייליק לויטער — — —

# אליהו הנביא אליהו התשבי אליהו הגלעדי במהרה יבוא אלינו עם משיח בן דוד

(צייט באַלאַדע פון אַצינד)

נישט אויף ירידן מער פערדלעך צו פּאַיען,
אַ פויערל אין שטיוול מיט שווערע שפּרייזן —
ס׳שלעכטיקייט פון דער וועלט אויסצוראָטן
ווידער מיט זיין שווערד גייט ער זיך באַווייזן.

ווי דער נחל קישון גלייך רויט פון בלוט,
פון די פאַלטשע נביאים איז געוואָרן,
וועט בלייך־פאַרשעמטער ירדן־טייך אַצינד,
רויט ווערן פון זיין צעצונדענעם צאָרן.

עס וועט זיך דער גאַנצער אייל אַראַביענס,
מיט אַלע זיינע לאַנגע גלות־רערן,
אין זיינע רייך פלאַקערדיקע צעגיסן,
ביז דאָס פאַלטשע אינם מענטש וועט אויפהערן.

אַז קיין ייד מער אויף ירידן נישט דאָ איז
וואָס האָט אַן אליה דאָרט נאָך צו זוכן?
ס׳איז דאָך נישט געווען אַליין דאָס פערדל,
ווי אַרעמעלייט באַקלײדן נ׳באַשוכן — —

ס׳איז דאָך די צייט נאָך דעמלט נישט געווען,
די פינסטערע וועלט ליכטיק צו דערלייזן,
האָט ער דאָרשטיקע פערדלעך פּאַיענדיק,
פאַרשטעלט זיך אַזוי, מענטשן צו באַשפּייזן.

אָבער אַז קיין ייד אויף ירידן נישט דאָ מער,
זיינען דאָך שוין געקומען משיח׳ס צייטן...
וועט ער דעם וואַסער־עמער פון אַמאָל,
אויף די איצטיקע אייל־רערן פאַרבייטן.

ווערן דען נישט ווי פון טייכן אַמאָל
פון אייל־רערן ברויט־מילן געטריבן?
ער איילט, ער קומט, במהרה בימינו,
פונקט ווי אין פסוק ס׳שטייט הייליק פאַרשריבן:



„במהרה יבוא עלינו — — —"
זיינען עס דען נישט צייטן פון משיח׳ן?
אַז פון איין אַטאָם, אויפגעבראָכענעם,
אַ גאַנצע וועלט באַקליידן און באַשיכן?

וויפיל מיליאָנען „וואָלט" אין איין אַטאָם — — —
אַ וועלט ס׳קאָן זיין, מ׳זאָל זיך אין איר בענטשן!
און מענטשלעכע „פערד־קראַפט" פאַר שטיקעלע ברויט...
אָ, וואָס פאַר אַ רחמנות ס׳איז אויף די מענטשן — —

אָבער אויב פון קנאה שנאה דער מענטש,
ווי אַ פערד גלייך אינם יאָך מ׳מוז אים צוימען,
אַז נישט איז זיין גאַנצע דערגרייכעניש,
גאַז־קאַמער גאָר און קרעמאַטאָריום־קוימען — — —

אָ, וואָסער רחמנות ס׳איז אויפן מענטש!
ווי בייטשן־געקנאַל אויף פערדישן רוקן,
די טראַנסמיסיעס, די רימענס, געקניפּטע —
דראָטן־געדרייטע עלעקטרישע צוקן — .

— — — — — — — — — — — — — — —

אָ, אין יעדן אַטאָם אויפגעבראָכן —
ס׳האַרץ ווי אין אַ ברונעם אין אים פאַרזינקן!
מיט פולע עמערס דערפון צו שעפּן,
מיט ליכטיקייט אַלעמען אָנצוטרינקן — —

נישט אויף ירידן מער פערדלעך צו פּאַיען —
אויף די גלעד בערג וועט ער ווידער שפּרייזן,
צעשפּיגלט איבער ליכטיקן ירדן,
מיט משיח בן דוד זיך צו באַווייזן.

אָ, עס וועט דער גאַנצער אייל אַראַביענס,
מיט אַלע זיינע לאַנגע גלות־רערן,
מיט וואָרט, זיין צעפלאַקערטן, אויפפליסן — —
וועלט אַ באַפרייטע, אַ וואַרע, וועט ווערן.

## אדאלף רודניצקי

# דאס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע:

המשך.

די דייטשן ווילן צוריק אריינטרעטן אין יענע פעלקער אָרגאַניזאַציעס? גוט! אָבער די דאָזיקע פעלקער וואָס האָבן פון די דייטשן געליטן האָבן דאָך רעכט צו פאַרלאַנגען, די קלענסטע לכל הפחות, סאַטיספאַקציע, זיכער צו זיין, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט צוזאַמען טרעפן ביי איין טיש מיט יענע דייטשן, וואָס האָבן אַליין אָדער בשליחות אנטייל גענומען אין יענע רציחות.

די, דורך די דייטשן אָקופּירטע פעלקער, פאַרלאַנגען מען זאָל שאַפן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די דייטשע סעקציע און אַרויסזאָגן זיך איבער יעדן איינציקן דייטש.

מען האָט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג אָנגענומען.

האָפּער, וואָס האָט געהאַט רעזיגנירט פון וואָרט, האָט שפּעטער דאָך גערעדט. ער האָט געבעטן צוטרוי פאַר די עטלעכע דייטשן וואָס זענען דאָ אויפן קאָנגרעס. ער האָט געזאָגט: — די וועלט מעג צו זיי האָבן צוטרוי. זיי האָבן צו די פאַרברעכנס נישט מיטגעהאָלפן, פאַרקערט, זיי אַליין האָבן פאַרזוכט דעם טעם, ווען נישט דעם טעם פון די טויט־לאַגערן, האָבן זיי אָבער געגעסן דאָס ביטערע ברויט פון נע ונדניקעס אויף עמיגראַציע.

אין אזא טאָן האָט האָפּער געהאַלטן זיין רעדע.

דער פראַנצויז ב. האָט באַלד אויפן אָרט געענטפערט: — מיר זאָגן ניט אָפּ דער דייטשער דעלעגאַציע עהרע אָדער סימפּאַטיע, אָבער איין זאַך מוזן מיר אָפּזאָגן: צוטרוי. צוטרוי, אַז זיי וועלן זיך קאָנען אָן עצה געבן מיט די שלעכטע דייטשן. צווישן די שלעכטע און גוטע דייטשן פאַרשפּילן אייביק די גוטע. — אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער פראַנצויז האָט דאָ איבערגעחזרט האָפּערס געדאַנק — — פון זיין אָרט ביים טיש פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע איז האָפּער זער אָפּט איבערגעגאַנגען צו דער דייטשער דעלעגאַציע שמועסן, און דאָס האָט קיינעם נישט געוווּנדערט. צווישן דער דייטשער דעלעגאַציע איז געווען זיין זון טעאָדאָר, אויך אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט איבערגעוואָרט היטלערן אין לאָנדאָן. די באַציאונגען צווישן פאָטער און זון זיינען געווען זער גוטע. אַזוי אויך זענען געווען די באַציאונגען צווישן האָפּערן און האַנעמאַנען, דעם רעדאַקטאָר פון „די בריקע״ אין האַמבורג, אין דער ענגלישער סטרעפע.

ביידע שרייבערס טעאָדאָר און האַנעמאַן זענען געווען געגן עמיגראַציע און נישט איינמאָל זענען זיי אַרויסגעטרעטן אַקעגן דעם אַלטן האָפּער, נאָטירלעך מיט גרויס דרך ארץ. צו ראַטעווען דאָ אויפן אָרט וואָס עס לאָזט זיך „צעזאַמען מיטן פאָלק״. עס האָט זיך געדוכט אויפן צעזאַמענפאָר, אַז האַנעמאַן האָט דעם אַלטן „איבערדברט״ און עס האָבן קיינעם נישט געוווּנדערט די ידיעות אין דער דייטשער פּרעסע, וואָס ערשיינט אין דער שווייץ,



אַז „די טעג פון גרויסן כעס זיינען געציילט״. „אַז דער בן סורה ומורה קומט צוריק״, אַז דער אַלטער האָט באַשטימט די ביינער זיינע צו לאָזן בארץ אבותיו. דאָ אין דער שווייצאַרישער שטאָט ז. איז קלאַוס האָפּערס דראַמע געקומען צו ענדע, מען האָט זיך שוין פּשוט מיט דעם מער נישט אינטערעסירט.

* * *

דער פּוילישער דיפּלאָמאַט אין בערן (שווייץ) איז געלעגן אויף דער סאָפע....

בזו הרגע איז אריינגעקומען דער הויפּט סעקרעטאַר און האָט עפּעס איינגערוימט דעם דיפּלאָמאַט אין אויער אריין. — ווער? — האָט ביז געפרעגט דער דיפּלאָמאַט. דער סעקרעטאַר האָט ווידער אַמאָל שטילערהייט איבערחזרט. דאָס האָט געמוזט זיין זער אַ וויכטיקע ידיעה. — ווער דאָס? — האָט דער פאַרוווּנדערטער דיפּלאָמאַט ווידער געפרעגט. דאָס מאָל האָט דער סעקרעטאַר הויך געענטפערט: — קלאַוס האָפּער בעט אַ וויזע נאָך פּוילן. ער וויל באַזיכטיקן יענע ערטער פון מענטשלעכער מאַרטיראָלאָגיע. עס זעט אויס, אַז ער פאָרט מער נישט צוריק קיין דייטשלאַנד.

.2

אין צוויי חדשים שפּעטער, אין אַ הערבסט נאָכמיטאָג, האָט זיך דער אַלטער האָפּער אויפגעוועקט אין אַ פּאַריזער האָטעל־צימער. אין צימער איז געווען פינסטערלעך, די דיקע פאָרטיערן איבער די פענסטער האָבן נישט אַדורכגעלאָזט די ליכט־שיין פון דער גאַס. דער אַלטער האָט ווי אַ קינד איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן, אָבער די געדאַנקען האָבן אים שוין לענגער נישט געלאָזט שלאָפן. די פיס האָט ער געהאַט ווי געפרוירן און אַרום אים עפּעס קיין לעבן נישט געפילט.

דאָס באַגעגניש אין אייראָפּע האַלט ביים ענדע. מאָרגן פאָרט ער נאָך באַרדאָ און פון דאָרט קיין אַמעריקע... ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענסטער, פאַרשאַרצט די פאָרטיערן. פּיער אזייגער נאָכמיטאָג. די גאַס איז מיט זון באַלויכטן, מיט דער הערבסט זון, וואָס לייכט און וואַרימט נישט, ווי אַ שמייכל פון אַ זקן. אין דעם קיל. גאָלדענעם שיין האָבן שפּאַצירט פּרייען, קינדער און הינט. האָפּער האָט אין זיך איינגעזעניק ווי געוויינט. דאָס אַלעס וואָס ער זעט איז וווּנדערלעך אין יעדער איינצלהייט. ווי אַלטע לייט, ווי פאַרמשפּטע צום טויט, האָט ער געוווּסט ווי אַזוי דאָס אָפּצושאַצן. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער אין זיך אריינגעצויגן די דאָזיקע גאַסן־באַוועגונג און איז צוריק צו דער סאָפע. האָט זיך אַנידערגעלייגט און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געהערט ווי עפּעס רירט זיך אין שטוב. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער דינער און האָט די אויגן נישט געעפנט. ער האָט זיך שנעל אויפגעזעצט. ביים פענסטער איז געשטאַנען דער זון טעאָדאָר.

עס איז שווער צו זאָגן, צי דאָס ערשיינען פון זיין זון איז פאַרן אַלטן

געווען אַן אומגערעכטע זאַך. אויפן קאָנגרעס האָט ער זיין גאַנצע פרייע צייט אָוועקגעגעבן דעם זון און האַנעמאַנען. ער האָט זיי אַלעמאָל אויסגעפרעגט וועגן דאָס און יענעס. פילע פראַגן האָבן פאַרוואונדערט ביידע דייטשע בירגער. פון די געשטעלטע פראַגן האָט מען לייכט פאַרשטאַנען, אַז אים איז דאָס דייטשע לעבן גוט באַקאַנט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אויך אַרויפגעשווומען די פראַגע פון צוריקפאָרן. ביידע דייטשן האָבן אַלץ אַרויסגעזאָגט צו פאַרטיידיקן זייער שטאַנדפונקט „צוזאַמען מיטן פאָלק". האָפער האָט גאָרנישט געענטפערט און בכלל אויסגעמיטן צו שמועסן פון צוריקפאָרן. טעאָדאָר אָבער האָט פון פאָטערס פאַרהאַלטן זיך אַרויסגעדרונגען, אַז לויט ער קאָן אים, בלייבט ער אין דייטשלאַנד. אַ גאַנץ לעבן איז ער אַלע מאָל געווען אַ משפחה־מענטש, ליב געהאַט צווישן אייגענע. יעצט פאַרזאַמעלט זיך די משפחה פאַמעלעך דאָ. דער פאָטער ווייסט דערפון, וועט ער אוודאי וועלן זיין אין איינעם! בפרט, אַז די עלטער שוואַכט אים אָפּ און ער ברויכט אַז נאָענטע זאָלן זיך מיט אים אַפּיעקעווען. טעאָדאָר איז זיכער געווען אַז דער פאָטער בלייבט. פאָרנדיק פון קאָנגרעס קיין דייטשלאַנד, אין דער ענגלישער סטרעפע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער וועט וואַרטן אין ז. פון דער צייטונג, האָט ער זיך דערוווסט, אַז ער איז גאָר געפאָרן קיין פוילן. דאָס איז פאַר אים געווען אומגעריכט. ער איז שוין קיין ז. נישט געפאָרן און ווען פאַר צוויי טעג האָט אים האַנעמאַן מודיע געווען, אַז אויפן וועג קיין אַמעריקע האָט זיך דער פאָטער פאַרהאַלטן אין פאַריז, האָט ער באַשטימט אַהין צו פאָרן און נאָך אַמאָל מיט אים אַדורכצושמועסן. קלאַאוס האָפער האָט זיך מיטן זון זער געפרייט. ער האָט אים זער געהאַלזט. וואָס איז פאַרן זון געווען אַ זעלטענהייט. . . .

טעאָדאָר צום פאָטער: דיין אַהערקומען האָט מען אין דייטשלאַנד אָנגענומען פאַר אַ באַליידיקונג. האָסט אונז אַוועקגעוואָרפן און פאַרטוישט פאַר אַ לאַנד וואָס, ווען מען מעקט דאָס היינט אויס פון דער אייראָפּייִשער קאַרטע, וואָלט מען שוין מאָרגן אינגאַנצן אין דעם פאַרגעסן. פאַרטוישט פאַר אַ לאַנד ווו דו וועסט נישט טרעפן קיין פנים. וואָס איז עלטער פון 16 יאָר, עס זאָל נישט זיין פאַרזויערט, פאַרקרימט און שלעכט. ווייסט, וואָס מען זאָגט היינט אין דייטשלאַנד? ווען מען קוקט אַדורך די צעטלען פון די, אין דער ערשטער צייט געפאַלענע נאַציס, ווייסט, וואָס פאַר אַ נעמען מען טרעפט דאָרט? צישליק, מאַרקאָווסקי, שצאַטעק, סטראַנסקי, שאַפּינסקי, גורנאַטאָווסקי, באַרקאָווסקי, קאַרפּינסקי, מאַססאָוו, קאַזיאַלעק, וויעלקי. יאָ! שיינע דייטשע נעמען! אויפן קאָנגרעס האָט אַ פוילישער דעלעגאַט געזאָגט: היטלער האָט באַשפּיגען פוילען מיט דעם, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעבויט די קרעמאַטאָריומס. באַשפּיגן צי נישט באַשפּיגן, אַ פאַקט איז אָבער, אַז ווען די קרעמאַטאָריומס האָבן דאָרט געריכערט, האָט די דאָרטיקע באַפעלקערונג געבענטשט היטלערן, וואָס האָט פאַר זיי די אַרבייט געטאָן. קאָנסט דאָס איבערלייענען אין יעדן מלחמה טאָג־בוך. איך ווייס נישט, וואָס וואָלט געווען, ווען



היטלער וואָלט די אויוונס אויפגעשטעלט ערגעץ אַנדערש. היידען זאָגט, אַז היטלערס אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען קיין דייטשער נאָר פון אַ מזרח מענטש. ווייסטו, אַז אויפן מזרח, אין יענע לענדער, האָט דער געסטאַפּאָ נים געהאַט קיין שום ספּעציעלע מענטשן צום אויפזוכן די ייִדן? די היימישע מסירות האָבן גאַנץ געניגט. דיר איז דאָך ניטשע טייער. זאָלסטו וויסן, אַז דו האָסט דיר אויסגעקליבן אַ לאַנד, וואָס פאַרניכטעט מיט ליבע אַלע זיינע גרויסע מענטשן, אויב עס ווערט אַמאָל אַזעלכע אַרויסגעבן. אַלע גרויסע וואָס דאָס לאַנד האָט אַמאָל פאַרמאָגט האָבן זיך געפונען אויף עמיגראַציע. דער איין און איינציקער מוזיקער, מיט וועלכן זיי קאָנען זיין שטאָלץ, איז אַ גאַנץ לעבן געווען אין דער פרעמד און קיינמאָל ניט אָנגעקוקט די פּנימער פון זיין פאָלק, פון די נאַרישע רשעים וואָס ווייקן זיך אין בראַנפן און גאווה. וואָס ביי זיי איז עק וועלט באַלד ביי דער גרעניץ פון זייער קליין שטעדטעלע. זיי האָבן אין 19־טן יאָרהונדערט געהאַט אַ גרויסן מאָלער, איז די שנאה זיינע צום פאָלק געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אין ליכט טאָג קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען מפתח ביתו. אַזוי זעט אויס דאָס לאַנד מיט וועלכן דו האָסט זיך באַנוצט צו שפּייען אויף דייטשלאַנד.

ייִדיש פון יוסף שפּער

(שלום פאַלגט)

---

י. ביעטש

## אייראָפּעאישע ייִדישער קולטור קאָנפערענץ

(באַריכט)

פרייטאָג אָונט, דעם 9־טן יולי, איז אין פאַריז אין זאַל פון „ייקוט־" פייערלעך געעפנט געוואָרן דער אייראָפּעאישער ייִדישע קולטור קאָנפערענץ. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען דעלעגאַציעס פון אַ צאָל לענדער, ווי פוילן, רומעניע, בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק, ענגלאַנד, א.א.

דער טעאַטער זאַל איז געווען איבערפול און די שטימונג פונם גרויסן עולם איז געווען אַ געהויבענע. אַלע האָבן געפילט אַז די קולטור קאָנפערענץ, איז נאָך דעם גרויסן חורבן, אַ וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון די ייִדישע ישובים אין אייראָפּע.

דר. חיים סלוועס עפענט די ערשטע פייערלעכע זיצונג. ער באַגריסט די דעלעגאַטן, וועלכע זענען געקומען פון די ייִדישע ישובים פון אייראָפּע און מעבר לים.

מיר האָבן היינט, ערקלערט ער, אַ גרויסן יום־טוב. עס איז פאַר אונז אַן אונערשעפּלעכע פרייד אַז מיר טרעפן זיך ווידער צוזאַמען, נאָך דעם גרעסטן חורבן אין די געשיכטע פון אונזער פאָלק. די קאָנפערענץ דאַרף און מוז געמיינזאַם באַטראַכטן די פּראָבלעמען פאַר אונזער קולטור קיום. ס'איז נישטאָ

און קען ניט זיין ביי אונז קיין שמחה, וואָס איז נישט אויסגעמישט מיט טרויער; אונפאַרגעסלעכער טרויער נאָך די, וואָס זענען אַוועקגעקומען און זענען מער נישט פאַראַן צווישן אונז.

דער פאַרזיצער הייסט אָנצינדן די ליכט און דער טויזנט־קעפּיקער עולם שטייענדיק ווי פאַרגליווערט און מיט געבויגענע קעפּ, הערט אויס דעם לאַנגן יזכור, נאָך די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע זענען אומגעקומען דורכן באַרבאַרישן נאַצי מערדער. יזכור נאָך דעם גרויסן יידישן קולטור צענטער וואַרשע, נאָכן יידישן ווילנא, נאָך די אַלע פאַרצווייגטע יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע איז געווען, ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס האָט גייסטיק באַשפּייזט אַלע גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים פון דער גאַרער וועלט. יזכור נאָך די אומצאָליקע יידישע שרייבער, קינסטלער, נאָך די יידישע קולטור טוער, קולטור בויער. דר. סלאָוועס דערמאָנט די שווידערלעכע דאַטע פון מערץ 1943, ווען אינם פאַרבלוטיקטן אייראָפּע האָט אָפּגעהילכט דער רוף פון געטאָ: האַלט הויך די פאָן פון דער יידישער קולטור. איינער פון די דאָזיקע העלדן, וועלכע האָבן געוואָרפן דעם רוף איז געווען דער אומגעקומענער היסטאָריקער רינגלבלום. דער צווייטער, זאָגט דער פאַרזיצער, איז צווישן אונז, דאָס איז דר. אַדאָלף בערמאַן, פאַרזיצער פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן.

דר. אַדאָלף בערמאַן, וועלכער ווערט אויפגענומען אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, באַגריסט די היסטאָרישע קאָנפערענץ. ער גיט אַ בילד פון די העראָאישע אָנשטרענגונג, פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן פון פוילן, ווידער אויפצובויען די יידישע קולטור פּאָזיציעס. ער באַטאָנט, מיר האָבן איצט צענדליקער שולן, יידישע און העברעאישע, אַ פאַרצווייגטע פּרעסע. ער רופט אויס: מיר האָבן אין קאַמף געלערנט, וואָס עס הייסט אָזוינס איינהייט און דעריבער האָבן מיר אַ רעכט צו רופן, אַז איינהייט אויפן יידישן קולטורעלן געביט, זאָל רעאַליזירט ווערן אין אַלע יידישע ישובים. בפרט אין דעם ערנסטן מאָמענט פון קאַמף פאַר ישראל.

הרב א. ביק, פּרעזידיום מיטגליד פון איקוף, באַגריסט די קאָנפערענץ און שטרייכט אונטער, אַז די אַלע פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען אין יידישן לעבן, וועלכע נעמען אָנטייל אין די קולטור קאָנפערענץ, וועט זיין אַ מוסר־השכל פאַר די צעשפּליטערטע קולטור כוחות אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט פון די רייכע יידישע קבוצים אין אַמעריקע און די געליטענע יידישע קבוצים אין אייראָפּע, איז אַ נויטווענדיקייט. פונדאַנען וועט אַרויסגיין דער רוף פאַר אַ געאייניקטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס.

י. גערשזאָן, דער רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער יידיש „וואָכנבלאַט" אין טאָראָנטאָ, באַגריסט די קאָנפערענץ און זאָגט: עס איז פאַר מיר, און פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישע באַוועגונג אין קאַנאַדע אַ גרויסער כבוד צו זיין פאַרטראָטן אויף דער זער וויכטיקע קאָנפערענץ. מיר ווילן אָן ספק נוצן די באַשלוסן פון דער אייראָפּעאישער קולטור קאָנפערענץ פאַר שטאַרקן די



כחות, וואָס קעמפן פאַר אַ פאַראייניקטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס.

עס ווערן געלייענט אַ צאָל טעלעגראַמעס וואָס זענען אָנגעקומען צו דער קאָנפערענץ פון אַלע עקן פון דער וועלט. איינגעשלאָסן אַ טעלעגראַפישע באַגריסונג פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, ווי אויך פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פון יידישע שרייבער און קינסטלער.

במשך פון איבער אַ שעה צייט, האָט דער היסטאָגראַף בער מאַרק, רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן" אין וואַרשע, געהאַלטן אַ רעפעראַט: „חורבן און ווידעראויפבוי אין יידישן לעבן". ער פירט אויס, אַז צוויי גרונד שטריכן, ציען זיך דורך, ווי צוויי קייטן אין אונזער געשיכטע: בוך און שווערט, גייסט און קאַמף. ער באַטאָנט אַז די ווידער אַנטשטייאונג פון ישראל, איז אַן עיקרדיקער גרונט־טייל פון אונזער רענעסאַנס; די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז צו שאַפן די הנחות פאַרן ווייטערדיקן שמידן די יידישע קולטור.

מיט דעם פּראַכטפולן רעפעראַט האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע פייערלעכע זיצונג.

די צווייטע זיצונג איז פאַרגעקומען שבת אין דער פרי. פאַרזיצער איז געווען דר. א. בערסאָן. נאָך אַ קורצן אַריינפיר אין דער אַרבעטס פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ, באַקומט דאָס וואָרט צו זיין רעפעראַט, מ. ליטווין. דער רעדנער גיט אַן איבערבליק איבער אַלע דערגרייכונגען אין אונזער רומרייכער קולטור־געשיכטע. ער שטרייכט אונטער, אַז אַלע קולטור־שאַפונגען אין יידיש און אין העברעאיש זיינען שאַפונגען פון איין איינהייטלעכער און אומצוטיילבאַרער יידישע קולטור.

די נאָכמיטאָג זיצונג איז געווען געווידמעט פאַר דיסקוסיעס. אָבער די צוויי געהאַלטענע רעפעראַטן, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען פאַרבונדן מיט אָפּגעבן באַריכטן. עס האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער און כמעט אַלע האָבן געהאַט דעם געפיל, אַז ס'דאַרף און מוז געשאַפן ווערן אַ געמיינזאַמע און בשותפותדיקע באַזע, פון צוזאַמענאַרבייט אויף אַלע געביטן פון קולטור.

דער חשובער גאַסט און פאַרשטייער פון דער גרויסער אַרבייטער פּאַרטיי אין דער יידישער מדינה משה־סנה, באַגריסט די קאָנפערענץ. ער הייבט אָן זיין רעדע אויף העברעאיש און גייט דערנאָך איבער אין יידיש.

דער רעדנער, משה סנה, רעדט אַרום דעם פּראָבלעם פון אַן איינהייטלעכן קולטור־שאַפן פון גאַנצן יידישן פאָלק. ער קומט צום אויספיר אַז עס איז נויטיק אַן אָרגאַנישע בלוט־צירקולאַציע צווישן דעם קולטור צענטער אין ישראל און דעם קולטור לעבן פון אַלע יידישע ישובים אין דער גאַרער וועלט.

אַ גוטן איינדרוק מאַכט דער באַריכט פון דוד וואַגנער, איבערן קולטור מצב אין בעלגיע. ער דערציילט אַז עס עקזיסטירן דאָרט 4 יידישע צוגאָב שולן און 3 טאָג שולן; פיר ביבליאָטעק אין בריסל און צוויי אין אַנטווערפּן;

צוויי יידישע פאָלקס כאָרן, אַ יידיש פאָלקס טעאַטער, אונטער דער לייטונג כון מאַנסדאָרף. דער רעדנער שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון אַן אָפּטן קאָנטאַקט און קולטור אויסטויש מיט די יידישע ישובים אין אַנדערע לענדער.

אין לויף פון די ווייטערדיקע סעסיעס הערט די קאָנפערענץ אויס דריי רעפעראַטן. לעאָ קעניג פון לאָנדאָן רעפערירט וועגן „די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור".

דר. דוד ספאַרד אין זיין רעפעראַט אויף די זעלבע טעמא, פּאָלעמיזירט מיט די אויספירן פונם ערשטן רעפערענטן. ד"ר סלאָוועס רעפערירט וועגן טעאַטער פּראָבלעמען.

מיט דער רעדע פון פּריינט ישראל אשענדאָרף, האָט זיך די זונטאָג'דיקע נאָכמיטאָג סעסיע פאַרענדיקט.

די זיצונג פון מאָנטאָג אין דער פרי צייכנט זיך אויס, מיט אַ לענגערע רעדע פונם לערער און פּעדאַגאָג, פּראָפעסאָר לאַזאָווסקי. ער זאָגט: מיר פוילישע שאַצן שטאַרק אָפּ די מיסע פונם ראַטן פאַרבאַנד. מיר ווילן שאַפן אַ נייעם טיפּ ייד, וועלכער זאָל פאַראייניקן לאַנד פּאַטריאָטיזם מיט קהלישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבייט.

ביים שלוס פון זיצונג מעלדעט דער פאָרזיצער דר. שמואל ווייס, אַז עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאָלגענדע קאָמיסיעס:

1. ליטעראַטור און פאַרלאַג.
2. שול וועזן.
3. טעאַטער.
4. קונסט.
5. מוזיק.
6. דאָקומענטאַציע.
7. ביבליאָטעק.

אין אַלגעמיין האָט די קאָנפערענץ געטראָגן אַ כאַראַקטער, פון אַ געאייניקטן פראָנט, אויפן געביט פון די יידישע קולטור, פון וואַרשע ביז פּאַריז און ניו יאָרק. אויב ס'איז שווער צו שאַפן אַן אייזערנע בריק איז לכל הפחות אַ פּאַפּירענע בריק.

עס מוז געזוכט און געפונען ווערן די וועגן פאַר אַ שאַפערישן סינטעז, פאַר אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבייט, צווישן די קולטור ווערטן אויף יידיש אין די קולטור ווערטן אויף העברעאיש, צווישן מדינת ישראל און פאָלק ישראל. אונזער לאָזונג איז איין פאָלק איין קולטור.



# פּראָבלעמען פון אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער יידישער דערציאונג

## רעפעראַט פון ל. לאַזאָווסקי

אויסצוגען פון אינהאַלטרייכן רעפעראַט פון ל. לאַזאָווסקי, לייטער פון יידישן שול־וועזן אין פּוילן, אויף דעם „קולטור קאָנפערענץ פון די אייראָפּעאישע ישובים", אין פּאַריז.

מיר פאַרמאָגן היינט אין פּוילן 32 שולן, אין דעם 3 שולן מיט גימנאַזיאַלע קלאַסן און 1 מוזיק־שול. אין אַלגעמיין ציילן אונזערע שולן אַ צאָל פון 3.200 קינדער.

אונזער לערער־פּערסאָנאַל באַשטייט פון 198 לערער, צום גרעסטן טייל מיט העכערער בילדונג און מיט אַ גרויסן פּעדאַגאָגיש סטאַזש. דער גרעסטער טייל פון אונזער לערערשאַפט האָט ביז דער מלחמה געאַרבעט אין פּריוואַטע און טיילווייז אין מלוכה'שע שולן און איז אין אַלגעמיין געשטאַנען ווייט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די מלחמה דערפאַרונגען און די אַרבעט אין אונזערע שולן נאָך דער מלחמה האָט געמאַכט אויפוואַכן אין די דאָזיקע לערער קרייזן די געזעלשאַפט־נאַציאָנאַלע פאַראינטערעסירונגען און האָט זיי דערנענטערט צו דער אַלגעמיינער און יידישער פּראָבלעמאַטיק.

חוץ די שולן פאַרמאָגן מיר 68 אַנדערע דערציאונגס אנשטאַלטן (פאַר־שולן, האַלב־אינטערנאַטן און קינדער־היימען) מיט אַ צאָל פון 3.500 קינדער, און יוגנטלעכע.

אונזער קינדער מחנה צייכנט זיך אויס מיט איר פּסיכישער אייגנאַרטיקייט. צום גרעסטן טייל זיינען אונזערע קינדער אויסגעוואַקסן און דורכגעמאַכט די ערשטע שול־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, דער קלענערער טייל האָט איבערגעלעבט דעם גיהנום פון די אָקופּאַציע־יאָרן און איז געקומען אין אונזערע אנשטאַלטן פון די געטאָס, קלויסטערס, בונקערס און אַנד. דאָס זיינען געווען צוויי פאַרשידענע וועלטען מיט אַ פאַרשידענער גייסטיקער און פּסיכישער ביאָגראַפיע, דאָס צוזאַמענלעבן אויף די שול־בענק האָט צו ביסלעך ניוועלירט די אונטערשידן, אַזוי, אַז היינט צו טאָג פאַרמאָגן מיר שוין אַ מער אָדער ווייניקער איינהייטלעכן קינדער באַשטאַנד. די קעגנזייטיקע השפּעה פון די אַנגעוויזענע צוויי עלעמענטן פון אונזער שילער־מחנה האָט אין רעזולטאַט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן קינדער־טיפּ, וועלכער האָט זיינע וואָרצלען און זיין גענעזע אין דער פאַרגאַנגענהייט פון די מלחמה יאָרן. אָבער די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט ווערט שנעל אָפּגערוקט אין שאָטן, און אונזערע קינדער לעבן זיך שוין היינט פולשטענדיק אויס אין דער פוילישער און אין דער יידיש־פוילישער ווירקלעכקייט.

פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט איז אונזער שול אַרבעט פאַראייניטלעכט און פאַרטיפט געוואָרן. עס זיינען דערשינען פּראָגראַמען פון די יידישע

לימודים, עס הויבן אָן צו דערשיינען לערנביכער. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן קורץ־טערמיניקע סעמינאַרן און קורסן: ביי דער געלעגנהייט האַלטן מיר פאַר אונזער חוב אויסצודריקן אַ ברידערלעכן דאַנק די אַלע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און פּערזאָנען מחוץ פוילן, וועלכע האָבן אונז געהאָלפן און העלפן אונז ווייטער צו באַזאָרגן אונזערע שולן מיט לערנביכער און מיט לייען־ליטעראַטור.

וואָס אנבאַלאַנגט דער רעכטלעכער לאַגע פון אונזערע שולן, קאָנען מיר קורץ פעסטשטעלן, אַז אונזערע שולן געניסן פון דער וואַרעמסטער סימפּאַטיע סיי מצד די צענטראַלע, סיי די לאָקאַלע מלוכהשע שול־אָרגאַנען.

אונזער שול איז נישט קיין יש מאין, זי ציט איר גייסטיקע יניקה פון פאַרשידענע קוואַלן: פון דער פאַר־מלחמה'דיקער יידיש־וועלטלעכער שול, ווי אויך פון דער סאָוויעטישער און פון דער דעמאָקראַטישער פוילישער מלוכה־שול, און פונדעסטוועגן איז זי ניי און אָריגינעל אין איר אַלגעמיינער דערציערישער קאָנצעפּציע. דאָס נייע און אָריגינעלע באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זי שטרעבט צו דערציען דעם יידיש־נאַציאָנאַלן, מלוכה־שעפערישן און דעמאָקראַטישן איינהייטס־יידן. פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט איז דער דאָזיקער אידעאַל נישט קיין קינסטלעכער קאָמפּראָמיס — (אויף קינסטלעכע קאָמפּראָמיסן קען מען בכלל נישט דערציען!) דער גייסטיקער סילועט, וועלכן מיר ווילן רעאַליזירן, איז דורכאויס נאַטירלעך און לעבנספעאיק פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט און ער ליגט אויך אויף דער ליניע פון די טענדענצן, וועלכע מערקן זיך אין דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון אונזער פוילישן ישוב.

אונזער שול איז: (א) נאַציאָנאַלע; (ב) דעמאָקראַטישע; (ג) מלוכה־שעפערישע און (ד) וועלטלעכע.

איר נאַציאָנאַלער כאַראַקטער דריקט זיך אין אַלגעמיין אויס אין דעם, וואָס מיר שטעלן זיך פאַר אַ ציל צו דערציען ביים יונגן דור דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַקטיוויקייט און די צוגעבונדנקייט צו אונזער נאַציאָנאַלער קולטור. די קאָנקרעטע מיטלען פון אונזער נאַציאָנאַלער דערציאונג זיינען פאָלגענדע:

1) די יידישע לערן־שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור;
2) די לימודים פון יידישער געשיכטע און העברעאיש און די עלעמענטן פון פאָלקס־קענטעניש;
3) יידישע נאַציאָנאַלע יום־טובים און פייערלעכקייטן;
4) נאַציאָנאַלע אַקטואַליזאַציע סיי פון דעם לערן־פּראָגראַם, סיי פון דעם גאַנצן שול־לעבן בכלל.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן: 1) אַז אויף אַלע אַלגעמיינע לימודים רעאַליזירן מיר אין דער פולער מאָס דעם מלוכה־פּראָגראַם; 2) אַז פון דעם אַלגעמיינעם וועזנטלעכן שעה'ן־פּלאַן אין די עלטערע קלאַסן (30־36 שעה) געבן מיר אָפּ אויף די נאַציאָנאַלע לימודים 10־12 שעה, און 3) אַז דער לימוד



פון יידישער געשיכטע איז סינכראָניזירט מיטן לימוד פון אַלגעמיינער געשיכטע.

דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון אונזער שול דריקט זיך אויס:

אין דעם גייסט פון אונזערע לערן־פּראָגראַמען, וועלכע זיינען — צוגלייך מיט די פּראָגראַמען פון דער פוילישער מלוכה־שול — דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון סאָציאַלן פּראָגרעס, פון אַכטונג צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און פון פעלקער־פריינטשאַפט.

אין אונזער נאַציאָנאַל דערציערישער קאָנצעפּציע, וועלכע איז כולל אַלע גייסטיקע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש:

אין דער נאַציאָנאַלער און מלוכהשער אַקטואַליזאַציע, וועלכע ציט אַריין דאָס שול־לעבן אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע סיי אין פוילן גופא, סיי אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און:

אין דעם, וואָס אונזער שול איז די שול פון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין פוילן און זי באַדינט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

גלייכצייטיק באַמיען מיר זיך צו האַרמאָניזירן די ווירקונגען פון דער לאַנד־קולטור און פון אונזער נאַציאָנאַלער קולטור.

דאָס איז נאַטירלעך אונזער פאַראַנטוואָרטלעכסטע און שווערסטע אויפגאַבע. מיר געבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אין נייעם פוילן פאַרמאָגט די פוילישע קולטור אַ שטאַרקע אַטראַקציע־קראַפט פאַר אונזער יוגנט, און מיר האַלטן אַבסאָלוט פאַר נישט נייטיק צו קעמפן מיט דער דאָזיקער נאַטירלעכער השפעה פון דער לאַנד־קולטור אויף אונזער יונגן דור. מיר ווילן זיך נישט איינשליסן מיט אונזער שול־וועזן אין אַ מין געטאָ. מיר באַטראַכטן אונזער שול אַלס אַן אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן פראַגמענט פון דעם אַלגעמיין מלוכה'שן שול־וועזן און מיר באַמיען זיך, אַז די לימודים פון דער פוילישער שפּראַך און ליטעראַטור זאָלן אין אונזערע שולן אָוועקגעשטעלט ווערן אויף דער גרעסטער הויך. (די אָפּשאַצונגען פון די מלוכה־אינספּעקטאָרן שטעלן פעסט, אַז מיר האָבן דעם דאָזיקן ציל דערגרייכט אין דער פולסטער מאָס).

אונזער קאַמף מיט די טענדענצן פון אַסימילאַציע פירן מיר ניט דורך איזאָלירן זיך פון דער לאַנד־קולטור, נאָר דורך פאַרשטאַרקן אונזער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור. נאָר אויף דעם אופן קענען האַרמאָניזירט און סינטעטיזירט ווערן די השפעות פון ביידע קולטורן; נאָר אויף דעם אופן קען דערצויגן ווערן אַ דור, וועלכער וועט זיין 100 פּראָצענטיק יידיש און וועט גלייכצייטיק זיין גייסטיק אינטים פאַרבונדן מיט דער לאַנד־קולטור. נאַטירלעך איז עס מעגלעך נאָר אין באַדינגונגען פון אַ פאָלקס דעמאָקראַטישער אָרדנונג. דוקא אין דעם קלימאַט פון פאָלקס דעמאָקראַטיע וועלכער איז פריי פון מאָנאָפּאָליסטישע טענדענצן לטובת דער לאַנד־קולטור און איז דורכגעדרונגען מיט טיפער אַכטונג פאַר נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, קען זיך צעבליען — אין אַן אידעאַלער צוזאַמענאַרבעט און פאַרמעסטונג פון ביידע קולטורן — דער סינטעז, צו וועלכן מיר שטרעבן.

מלך ראוויטש

# „דער שניידער-געזעלן נטע מאנגער זינגט“ איציק מאנגערס נייע לידער זאמלונג

ביי אַלערליי גלעגנהייטן, פון אַלערליי שטאַנדפּונקטן, אויף אַלערליי אופנים איז עס מיר שוין אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן אויסגעקומען צו שרייבן וועגן איציק מאנגער, אי פּערזענלעך און אי וועגן זיינע ווערק — און אַלעמאָל פּאָזיטיוו וועגן זיין אויסנאַמלעך־שיינעם פּאָעטישן טאַלאַנט. און אַט ליגט ווידער אַ מאנגער־זאמלונג פאַר מיר — זיין צוועלפטע — „דער שניידער־געזעלן נטע מאנגער זינגט“. עס איז אַ בוך פון 136 זייטן, ארויס־געגעבן זייער און זייער עסטעטיש — לויט דער בעסטער אייראָפּעאישער טראַדיציע פון אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט ארויסצוגעבן לידער־ביכער — דורך דעם פאַרלאַג „ארדט“ אין לאָנדאָן, אָנגעפירט דורך די ברידער בנציון און אַלעקסאַנדער מרגליות. דאָס בוך האָט אַן אריינפיר־עסיי פון ד"ר שלמה ביקל, אַ וואָרט פריער פון דעם מחבר און אַ בילד פון נטע מאנגער ז"ל, וואָס איז געוועזן אַ ברודער פון דעם דיכטער און איז אין יאָר 1942, צו זיינע 39 יאָר, אין דער אַלגעמיינער נויט פון די מלחמה־פּליטים אין ווייטן און ברייטן רוסלאַנד, געשטאָרבן אין סאַמאַרקאַנד, אוזבעקיסטאַן. זיין אָנדענק — דער אָנדענק פון אַ ברודער, אַ שווייגנדיקן דיכטער—האָט איציק מאנגערן סטימולירט צו אַ סך לידער, געווידמעט דעם טויטן, און בכלל אים סטימולירט צו דעם טיף־פּאָעטישן אויפטו דאָס גאַנצע נייע בוך לאָזן אויסזינגען נטע מאנגערס נשמה — כאָטש פאַקטיש האָט, נאַטירלעך, אַלע די לידער איציק אויפגעשריבן. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ מערקווערדיק שיינעם פּאָרטרעט פון דעם פאַרשטאָרבענעם און אַ הילע, אַ קליינעם גראַפישן קונסט־ווערק פון אַרטור קאָלניק: אַ צייכענונג פון אַ דיכטער־קאָפּ און אין הינטערגרונט אַ גאָלדענע פּאַווע מיט איר גלאַנץ און פּראַכט.

אין בוך — ווי אין מאנגערס אַלע לידער־ביכער (ער האָט אויך עסייען, פּראָזע און דראַמע־פאָרם אין איניקע פון די ביכער זיינע) — לירישע קליינע פּערל, שטיפערייען אויף פאָלקסטימלעכע טעמעס, פּראַכטפול מאָדולירטע סאָנעטן און פאָלקסטימלעך־היינטיק־ראַפינירטע וואַריאַציעס אויף תנ"ך־טע־מעס. וואָס דאָס איז מאנגערס דורכאויס אָריגינעלער אויפטוי אין אונזער יידישן ליד. מאנגער איז פול מיט טראַדיציע, ער איז טיף פאַראַנקערט נישט נאָר אין יידישע — אים אַדעקוואַטע — אַמאָליקייטן, נייערט אויך אין דער טראַדיציעס פון דעם שענסטן און בעסטן פון דער וועלט־ליטעראַטור און אויך אַנאַקרעאָן־וואַריאַציעס זענען דאָ אין בוך. גריכישע פאַר צוויי און האַלב־טויזנטיעריקע טראַדיציע פון דעם ליבע־און וויין־דיכטער אַנאַקרעאָן דער־לאַנגען זיך דאָ די הענט, אין אַט די מאנגער־לידער, מיט אונדזער אייגענער פאַר דרי טויזנט־יעריקער טראַדיציע.

אַ בוך פון אַ דיכטער מיט פּאָעטישער קולטור — און מאנגער פאַרמאָגט



פון דעם גאָר אסך ביי אונדז — ווילט זיך אַלעמאָל ארום אַן אַקס, אַ נשמה־דיקער אַקס אויב מען קען עס אזוי זאָגן. און יעדן באמת גוטן לידער־בוך איז אַלעמאָל דאָ אַ צענטראַל ליד. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל נישט בלאָנדזשען, ווען איך וועל זאָגן, אַז דאָס ליד „נטעס שלאָפליד“ (זייטן 36-37) איז דאָס די נשמה פון מאנגערס נייער זאמלונג. און איך וועל דעריבער אָט דאָס ליד דאָ אינגאַנצן ציטירן. עס איז אַ ליד פון אויסנאַמלעכער רו און שיינקייט, טיף־שיינעם און לעצטן טרויער.

איך זינג מיר אַליין אַ שלאָפליד:
„שלאָף שלאָף, דו איינזאַמער מאַן,
דיין גורל האָט דיך באַגראָבן
אין ווייטן אוזבעקיסטאַן.
דער ווינט וויגט שטיל דיין קבר:
„שלאָף נטע, שלאָף ליו, ליו,
מיט צוגעמאַכטע אויגן
ווערט ליכטיקער, לויטער די רו.
הער דאָס רוישן פון ווילדגראָז
פון די ווילדע בלומען אין פעלד.
און צאַרן נישט וואָס דיין קבר
האָט פאַר דיר די שטערן פאַרשטעלט.
די שטערן, די זילבער־ממזרים,
האָבן מיליאַנען אָפּגענאַרט.
וואָס האָבן מיט גלייביקע אויגן
אויף משיח בן דוד געוואַרט.
הער דאָס געשריי פון די שפּאַרבערס
וואָס פליגלען איבער דער ערד
מיט שאַרפע, בלוטיקע שנאָבלען,
ס'איז גאַרנישט פאַר זיי פאַרווערט.
טאָ דאַנק דער ערד, וואָס באַהאַלט דיך
אין איר טיפן, געטרייען שוים —
זי האָט דיר געשטעלט אַ מצבה:
אַ זונבלום און אַ רויז.
די מצבה וועט בליען און וויאַנען,
און וועט בליען פון דאָס ניי —
דער אָקטאָבער וועט זי פאַרלעשן
און אָנצינדן וועט זי דער מאַי.
און אפשר וועט נאָך דיין ברודער
פאַרוואָגלען אַהערן זיינע טריט.
און אוועקלייגן אויף דיין קבר
דיין חלום — אַן אייביק ליד.

אפשר? דערווייל וואָגלען די וואָלקנס
זייער אַלטן, אייביקן וועג —
פיגורן, פּלאַנצן, בימערעס,
ביזן סוף פון אַלע טעג.״
איך זינג מיר אַליין דאָס שלאָפליד:
„שלאָף, שלאָף, דו איינזאַמער מאַן.
דיין גורל האָט דיך באַנראַבן
אין ווייטן אוזבעקיסטאַן״.

פאַראַפראַזירנדיק אַ באַקאַנט וואָרט פון דער סאָוועטישער דיאַלעקטיק (סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט נאַציאָנאַל אין פאָרם) וויל איך דאָ זאָגן אַט אַזוי: מאַנגער איז יידיש אין פאָרם, העלעניש אין אינהאַלט. ביי אים איז דאָ אַסך פאַטוס, אַסך גורלדיקייט, טראַגיק, אָבער אויך אַסך ליבע און ווין און לעבנס־פרייד, און נאָך מער ווילן צו לעבנס־פרייד, און אַביסל הפקרדיקייט, אָבער דאָס אַלץ איז אַנגעטון אין אַ טיף־יידיש טליתדיק שוואַרץ־ווייס לשון, אין בעסטן פאַל שוין גלאַנצט דאָ און דאָרט אַן עטרה מיט גרינלעך־בראָנלעכן זילבער־גלאַנץ.

מאַנגערס לידער האָבן די גרויסע מעלה, וואָס מען קען זיי — איינס אין איינס — אי זינגען און אין זאָגן. דאָס ערשטע, צוליב זייער מעלאָדישקייט און דאָס צווייטע צוליב זייער הומאָר און צוליב זייער אינהאַלטלעכקייט. וואָס דאָס איז די שענסטע מעלה פון אַלע פאָלקסלידער פון דער וועלט. און צוליב זייער קלאָרקייט, וואָס דאָס איז די מעלה פון אַלע מעלות אין אַ ליד.

מאַנגער איז נישט קיין פּאָעט־נביא, ער איז אַ פּאָעט־קינסטלער. און אַז די גרויסע און טראַגישע טעמע, די טראַגישסטע פון אַלע צייטן, די טראַגישסטע פון אַלע וועלטן, איז באַפאַלן אַלע יידישע דיכטער — האָט זי אויך מאַנגערן נישט דורכגעלאָזן. און ער האָט איר געפונען אַ סגולה — אומדירעקט אין דעם גאַנצן טראַגישן טאָן, וואָס שוועבט אין זיין נייעם בוך, און דירעקט אין עטלעכע לעצטערנדיקע לידער. און וואָלט איך דאָ שוין נישט פריער איין גאַנץ ליד ציטירט, וואָלט איך דאָ ציטירט דעם סאָנעט: די אוהבי ישראל ביים טויטלאַגער בעלזשעץ — וויאַזוי עטלעכע צדיקים שליסן אויס דעם רבונו של עולם פון דער חברה אוהבי ישראל... דער וועג פון אַ נביא איז צו צאָרענען און דער וועג פון אַ פּאָעט איז צו צער׳ן און מאַנגער גייט אויף אַט דעם וועג בשעת אויך ער רירט זיך צו צו דער גרויסער און טראַגישער טעמע.

כדי גוט צו באַנעמען מאַנגערס לידער מוז מען זיי לעזן. און מען ווייסט עס צווישן אונדזער ביסל לעזערוואַרק סיי ווי, ווייל מאַנגערס לידער־ביכער האָבן מאַקסימום לעזער ביי אונדז.



## ס. פאַלמע

### צו דעם גאַסט־שפּיל פון דינה האַלפּערן
### אין די „אַלעקס״ („ניי יידיש טעאַטער, לאָנדאָן)
#### צו דער דיסקוסיע איבערן טעאַטער אין „לשון און לעבן״

„ניי יידיש טעאַטער״ האָט זיך לעצטנס גענומען צו עקספּערימענטירן און שיטות און סתם סורעליסטישע ספּאַזמעס. איבער וועלכן ס׳איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו מאַכן קריטישע אַנאַליזן און בכלל איז עס נישט איצט מיין דער פּלאַץ צו מאַכנכ קריטישע אַנאַליזן און בכלל איז עס נישט איצט מיין אויפגאַבע און אויב אפילו יאָ, איז עס שוין דאַכט מיר געטאָן געוואָרן לעצטנס, אין דעם זשורנאַל „לשון און לעבן״ פון מיין ווירדיגן קאָלעגע ש. האַרנדאַרף ווי אויך פון דעם העדר פּאַלושאַק און אַחוץ דעם. — וועלכע נוצן וואָלט עס שוין געקאָנט ברענגען, ווען דער אַזוי־גערופענער „טעאַטראַל״ און „ליטעראַריש־קינסטלערישער לייטער״ ביים טעאַטער, האָט שוין מיט זיין „ער מעג״ געגעבן זיין „הייליקן״ סטעמפּל און הסכמה צו אַלץ און אַלעמען פון וועלכן מען קאָן „מאַכן אַ לעבן״.

הייסט עס אַז מיין טעמע איז טאַקע נישט מער ווי עטלעכע אָביעקטיווע ווערטער וועגן דעם גאַסט־שפּיל ביי אונז אין לאָנדאָן אין דעם „ניי יידיש טעאַטער״ פון דער גאָט־געבענטשטער, נחת׳דיקער דינה האַלפּערן.

הגם די קינסטלערין איז שוין ביי אונז אין לאָנדאָן צום צווייטן מאָל אין די לעצטע עטלעכע יאָר, זען מיר זי דאָך אויף די „ברעטלעך״ אין איר גאַנצן טעאַטראַלן גלאַנץ צום ערשטן מאָל און עס פרעגט זיך איצט — וואָס איז עס אַזעלכעס, „שונד״? ווו הויבט זיך עס אָן און ווו לאָזט זיך עס אויס, ווייל, לויט ווי מיר זען איצט פון אירע ערשטע צוויי אויפפירונגען: „דער הייליקער טאַנץ״ און די „מאַדעלקע״, איז גאָר אַזאַ באַשעפעניש ווי „שונד״ נישטאָ פאַראַן, אויב עס איז נישט דער דירעקטער פּראָדוקט פון אַן אייגענעם שונדישן געשמאַק.

אַן איבעריקן מאָל האָט אונז די שוישפּילערין דינה האַלפּערן באַוויזן אַז מען קאָן פון דעם כמעט גאַרנישט־זאָגנדיקן, אַרויסברענגען עכט־קינסטלערישע פאַרבן־שפּריצן, וועלכע, הגם זיי רייצן, רעגן און בלענדן דעם אויג, באַליידיקן זיי נישט און פאַרגעוואַלדיקן נישט אַלץ דאָס, וואָס מען האַלט פאַר שיין און מענטשלעך; ס׳איז נישטאָ אין דעם די צוגעטראַכטע רעגונג כדי דערמיט אַרויסצורופן ביליקע, עמאָציאָנעלע היסטעריע — אין קורץ: מען דאַרף נאָר אַליין נישט זיין פאַרדאָרבן און מיט גענוג פיינעם געשמאַק און דרך ארץ פאַר זיך און לייט — קאָן שוין דערמלט קיין רייד נישט זיין פון „שונד״.

איך וועל דינה האַלפּערנ׳ס יחוס נישט דערמאָנען. איך וועל אויך נישט דערמאָנען און אַריינרעכענען אין נדון דעם פאַקט אַז די גרויסע אסתר רחל קאַמינסקי איז איר מאַמע, פשוט דערפאַר, ווייל זי האָט איר אייגענעם כשר־

פאַרדינטן טעאַטער־פּאַספּאָרט און זי קאָן דעריבער (אויב זי וויל) גאַנץ דרייסט רעקלאַמירן זיך: — איך אַליין בין מיינע „ברעטלעך", מיין ליכט, פאָרהאַנג און ראַמפּע — איך בין טעאַטער!

זאָל עס מיר דינה מוחל זיין וואָס איך האָב געוואַגט אין איר נאָמען צו זיין אַזוי אומבאַשיידן...

דינה האַלפּערן געהער צו דעם קלאַס קינסטלער, ביי וועמען דער פיי־נער קינסטלערישער בינע־געשמאַק, איז דער מאַסשטאַב מיט וועלכן זי מעסט און געשטאַלטיקט אירע אויפפירונגען און טאַקע דערפאַר און נאָר דערפאַר, קומט עס אַלץ ביי איר אַרויס עכט און מיט אַן ערנסט, וועלכן מען געפינט זעלטן ביי שוישפּילער. ביי וועמען טעאַטראַלער עפעקט קומט אין דער ערשטער ריי נישט אַכטנדיק צי ער איז אין אַקאָרד מיט דעם גאַנצן צוזאַמען־שפּילן צי נישט.

אגב וויל איך באַמערקן אַז נישט אַלץ וואָס דינה זוכט צו געשטאַלטן אין אירע אויפפירונגען שאַפט דעם געוואונטשטן רעזולטאַט. אָפט מאָל וואַרפט זי אַליין אום די גאַנצקייט פון אַ בילד אָדער גרופּירונג מיט אַ נישט דורכ־געטראַכטן עפעקט, אָבער עס איז דאָך קענטיק אַז עס איז דער דירעקטער רעזולטאַט פון דעם קינסטלערס שטענדיקן זוכן און אייגענע אומצופרידנ־הייט, אָבער מיט דער געשיקטקייט פון דעם וואָס „כאַפּט זיך..." קומט זי צוריק מיט קאָמפּענסאַציע, — מיט איר געניאַלן שפּילן, וועלכעס איז פול מיט דינאַמיק און שטענדיקע ריטמישע באַוועגלעכקייט, וועלכעס איז שוין פאַר זיך אַליין אַ מדרגה און אחוץ דעם איז דאָך דער עכטער קינסטלער, וועלכער זוכט, נישט קיין אויסמושטירטער פערד אין אַ צירק מיט אַלע זיינע „ראַבאַט"־באַוועגונגען און קונצן וואָס גייט אין פּאַראַלעל מיט רוטין, ווייל פערד, בלייבט דאָך סוף כל סוף פערד אפילו אין צירק מיט אַלע זיינע באַפּוצונגען און גלאָריפיקאַציעס....

יאָ, דינה האַלפּערן איז די קינסטלערין מיט אַ קאָמבינאַציע פון דער־וואַקסנקייט וואָס גייט ביי איר האַנט אין האַנט מיט אַ היפּשע דאָזע פון נאַ־איוויטעט, וועלכעס מאַכט אירע כמעט גאָרנישט־זאָגנדיקע אויפפירונגען אַזוי פיל זאָגעוודיק און מיט אַזוי פיל עכט־קינסטלערישן פּאַטאָס און חן.

---

* מיר נעבן קאָלעגע ס. פּאַלמע דעם געהעריקן פּלאַץ אין דער דיסקוסיע. כאָטש עס קלינגט ווי אַ דירעקטער־קול פון אַ געוויסער שיטה, וואָס אירע וועגן פירן גאַנץ אַנדערשוואוהין וואו יידיש־טעאַטער האָט צו גיין. זיכער מיטן אַהערברענגען אַזעלכע געסט ווי דינה האַלפּערין, ליובאַ קאַדיסאָן, יוסף בולאָוו איז מען אַ סך מכפּר אויף פאַרגאַנגענע חטאים. אָבער מיטן בלויזן רוישיקן אַהערברענגען געסט מעבר־לים ווערט נאָך נישט גוט געמאַכט אַן עולה, — אַ גערעכטע אָדער אַן אומגערעכטע! — וואָס טאַלענטירטע קינסט־לער, וועלכע וואוינען דאָ מיט אונז אין לאַנד דרייען זיך אַרום ליידיק.

מער און דייטלעכער איבער דעם, אין דער טעאַטער דיסקוסיע אין קומענ־דיקן נומער.



## אייזיק גאָלדבערג

# א קבלת-פּנים פאר זיינוול דיאַמאַנט

(באריכט)

נאָכדעם ווי דער באַקאַנטער יידישער שרייבער זיינוול דיאַמאַנט פון דער שווייץ, אויף זיין וועג קיין אַמעריקע, איז ביי איינעם פון די „ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" באַגריסט געוואָרן, איז אויך אַ פייערלעכער קבלת־פּנים געמאַכט געוואָרן פון „פריינט פון יידיש לשון", צוזאַמען מיט דעם „יידישן זשורנאַליסטן פאַריין", פון לאָנדאָן. דאָס איז פאָרגעקומען דינסטאָג, דעם 13־טן יולי 1948 אין „אונזער קאַפע" וואו אַ גרויס צאָל שרייבער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט ש. האַרענדאָרף. נאָך דער באַגריסונג פון פאָרזיצער, האָט א. מ. פוקס אָנגעוויזן אויף זיינוול דיאַמאַנט'ס שאַפונגען, וועלכע זיינען זאַכלעכע שילדערונגען און אַ וויכטיקער ביישטייער פון דער טראַגיש־יידישער היטלער עפּאָכע.

משה עובד האָט זיך אַרויסגעזאָגט, דאָס אויסער די שאַפונגען, האָט זיינוול דיאַמאַנט אים אינספּירירט אַלס גייסטיקער מענטש.

י. א. ליסקי האָט אָנגעוויזן, אַז די שאַפונגען זיינען לעבעדיקע עדות פון דער לעצטער יידישער טראַגעדיע.

א. נ. שטענצל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער עפּיש מאַלערישער זייט פון זיינוול דיאַמאַנט'ס שאַפונגען, הויפּטזאַכליך אויף די דאָרפיש־שווייצער טיפן און די דאָרפיש מאַלערישע בילדער בכלל.

א. פאָלושאַק האָט אָרומגערעדט איבער דעם בוך נאָוועלן „אונטערן האַקנקרייץ", ווו דער מחבר האָט אין אַ קאַלטן בולט'ן סטיל געפּאַקט די טיפן פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון די יידן אין די היטלעריסטישע צייטן.

מיט פאַרשידענע מיינונגען און אָפּשאַצונגען האָבן זיך נאָך אַרויסגע־זאָגט די שרייבער ס. פּאַלמע, מ. קאַטץ, קיטי בראַון, י. ביעטש, חזן ראטה, די שוישפּילער יצחק קרעלמאַן, דאָראַ דימאַנט און נעט רובין.

דער גאַסט זיינוול דיאַמאַנט, האָט געדאַנקט די „פריינט פון יידיש לשון" מיט דעם „יידישן זשורנאַליסטן פאַריין", פאַר דעם האַרציקן קבלת־פּנים וועלכן מען האָט פאַר אים געמאַכט, באַזונדער פאַר די מי וואָס די חברים און זיינע פריינט די פאַמיליע נאַטאַל האָבן זיך געגעבן. אַזוי אַרום איז אים מעג־לעך געווען צו באַקענען זיך מיטן יידישן לאָנדאָן, אויף וויפיל עס איז מעגלעך געווען אין אַזאַ קורצער צייט פון אַ פּאָר טעג אויפהאַלטן זיך דאָ. ער נעמט מיט אַ קוואַל פון פאַרשידענע איינדרוקן וועלכע פאַרבינדן אים מיטן יידישן לאָנדאָן.

הויפּטזעכלעך פרייט אים וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק זיך צו באַ־קענען מיט אַזאַ וויכטיקע אינסטיטוציע פונם לעבעדיקן און געשריבענעם

יידישןווארט, ווי דאס זיינען די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס", „פריינט פון יידיש לשון" און דער זשורנאל „לשון און לעבן" ביי וועלכעס עס געבן זיך אזא גרויסע מי, דער דיכטער משה עובד, א. פאלושאק און אנדערע חברים, באזונדערס מיט דער עקשנות'דיקער אנפירונג פון דעם דיכטער א. נ. שטענצל בראש.

צו דעם אלעם באציט ער זיך מיט גרויס יראת הכבוד, ווייל אזעלכע אינסטיטוציעס געבן דעם יידישן שרייבער כוח ווייטער צו שאפן.

אלע אנוועזנדע האבן זיך הארציק געזעגנט מיט אים און זיין פאמיליע, און געווונטשן זיי הצלחה אין זייער נייער היים אין אמעריקע!

---

## א ווירדיקע פייערונג לכבוד א יידישן בוך אין לאנדאן

די יידישע שרייבער סביבה אין לאנדאן, האט מיט א באזונדערן אינטערעס און אויף א זער ווירדיקן אופן אויפגענומען דאס בוך „ירושלים" פון א. נ. שטענצל, וואס דער פארלאג נאראדיצקי האט איצט ארויסגעגעבן.

א געשייעניש אין היגן קולטור לעבן איז אויך דער פאל, וואס די ברידער נאראדיצקי האבן געמאכט א באנקעט לכבוד דעם דערשיינען פון דעם בוך. דאס האט נישט נאר שארפער אונטערגעשטראכן זייער באציאונג צו א יידישן דיכטער, נאר דאס אונטערגעשטרייכט אויך זייער פארשטענדעניש ארויסצוגעבן א וויכטיקן בוך לידער אין דער ריכטיקער צייט. די פייערונג וועגן דעם בוך, האט אריינגעבראכט א פרישע שטימונג צווישן די יידישע שרייבער, געזעלשאפטלעכע טוער און פריינט פון דער יידישער ליטעראטור.

פארזיצער פון דעם באנקעט איז געווען א. מ. קייזער. וועגן שטענצלען דעם דיכטער, וועגן זיין אייגנארט פון שרייבן און וועגן שטענצלען דעם מענטש, וועלכער איז נאענט פארבונדען מיט דעם יידישן ליטעראַרישן לעבן אין לאנדאן, האבן גערעדט: משה עובד, לעא קעניג, יוסף פרענקל, ש. גאלדשמידט, א. מ. פוקס, יוסף הלל לעווי. י. א. ליסקי האט געליינט אן אפהאנדלונג וועגן שטענצלס שאפן. ס'האבן נאך גערעדט י. ביעטש, א. פאלושאק, דארא דימאנט, נעט רובין, דער שוישפילער מ. קרעלמאן א. א. ס'זענען ביי דעם באנקעט אויך אנוועזנד געווען פארשטייער פון דער באארד אף דעפוטיס און פון די יידיש־ענגלישע צייטונגען.

לוסיען הערריס האט גערעדט אין נאמען פון די באארד אף דעפוטיס און בר־כוכבא נאראדיצקי אין נאמען פון פארלאג און דרוקעריי „נאראדפרעס".

א. נ. שטענצל האט אין קורצע שטריכן געגעבן א זער געלונגענע כאראקטעריזירונג וועגן דער בליץ־ארטיקייט פון זיין ווייזע און וועגן דעם פרא־



צעפ פונם פערז אין דער פארם פון זיין געשטאלטונג. ער האט אויך אנגעוויזן אויף די טיפע, אינערלעכע באציאונגען זיינע, צו די טראדיציאנעלע, גייסטיקע ווערטן פונם יידישן פאלק און אויף זיין גרויסער ליבע צו ארץ ישראל און צו ירושלים.

אייזיק גאלדבערג האט פארגעלייענט לידער פון דעם בוך „ירושלים", וואס האבן איבערגעלאזט א שטארקן איינדרוק.

ג. ה.

---

## די געסט פון יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט

מאנטאג דעם 26־טן יולי זיינען אהער געקומען בערך הונדערט קינדער פון קאנטינענט, אלס געסט פון יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט אין ענגלאנד (צו העלפן יידישע ארבעטער אין אייראפע). זיי וועלן דא פארברענגען א חודש צייט אין א ספעציעלער קאלאניע, וועלכע דער אויבן דערמאנטער קאמיטעט האט איינגעארדנט פאר זיי אין דער מלוכה'שער שול אין פרעסטוואוד, באקינגהאמשייר. די קינדער וועלן די צייט דא אויסנוצן אויף צו פארברענגען און אויך צו לערנען יידיש, יידישע געשיכטע, ליטעראטור, יידישע לידער א.א.וו. זיי וועלן אויך באזוכן לאנדאן, דעם יידישן ווייטשעפל און אנדערע אינטערעסאנטע טיילן פון דער שטאדט. אויסער דעם וועלן די קינדער באזוכן היסטארישע דענקמעלער און וויכטיקע ערטער אין דער אומגעגנט פון זייער קאלאניע.

דער י.א.ה.ק. האט אין שייכות מיטן אנקומען פון זייערע יונגע געסט פונאנדערגעשיקט א צירקולאר־בריוו אין וועלכן עס ווערט צווישן אנדערעס געזאגט:

„אונזערע געסט זיינען אין גרעסטן טייל יתומים פון פארשידענע לענדער אין אייראפע, וועלכע געפינען זיך איצט אין קינדער־אנשטאלטן אין פראנקרייך. אין אנבליק פון אונזער גרויסן חורבן, אין שווערן געראנגל צו זיכערן אונזער נאציאנאלן קיום, איז באזונדערס שטארק אונזער ליבשאפט צו אונזערע יונגסטע, איז באזונדערס גרויס די זארג פאר זייער דערציאונג. דער יונגער דור איז אונזער צוקונפט און האפנונג. ווילן מיר אויסנוצן די קורצע צייט, וואס זיי האבן פריי פון שול, כדי זיי צו געבן א מעגלעכקייט צו גענינסן פון זון, לופט און פרייד; כדי זיי צו געבן א געלעגנהייט צו באזוכן נאך א לאנד, נאך א פאלק און זיך צונאמענטרעפן מיט נאך א יידישן ישוב.

„חדשים לאנג גרייטן זיך די קינדער צו דער דאזיקער רייזע. חדשים פיבערן זיי מיט דעם געדאנק וועגן זייערע באזוכן, באגעגענישן און נייע באקאנטשאפטן.

„מיר זענען זיכער, אז איר וועט צוזאמען מיט אונז טאן אלץ, אז אונזערע טייערע געסט זאלן נישט איבערלעבן קיין אנטוישונג. איר וועט צוזאמען

אונזער טיפן מיטלייד צו פריינט

עמנואל געלער

צום פלוצלינגען טויט פון זיין טייערן פאטער

מרדכי מנחם ע״ה

מיר ווינטשן אונזער פריינט און זיין גאנצע
משפחה נישט צו וויסן מער פון קיין צער

רעדאקציע לשון און לעבן

וגם אני בין המנחמים —— דוב ווארשאווסקי

איבעראשענדע נייעס!!!
די באקאנטע און באליבטע שוישפילער

דארא קרעלמאן   יצחק קרעלמאן   הארי אריעל

וועלן זיך פריינטלעך באטייליקן אין דעם
גרויסן קאנצערט

אן אוונט פון יידישן הומאר און געלעכטער

מיט א רייכן און פארשידנארטיקן קינסטלערישן פראגראם
וועלכע ווערט איינגעארדנט דורך „פריינט פון יידיש לשון“
אין א שיינעם און באקוועמען האלל (אין דער וועסט־ענד)

וואו ? — ? — ? — ? ווען

לעזט אונזערע קומענדיקע באקאנטמאכונגען

אלעקסאנדער טעאטער

Alexandra Theatre, Stoke Newington Road, N.16.
Tel.: CLIssold 1156 & 1157.

שבת דעם 14־טן   זונטאג דעם 15־טן

און א גאנצע וואך

ערשטער אויפטריט פון אונזערע נייע געסט די
בארימטע אמעריקאנער פילם און בינע סטארס

יאזעף בולאוו   ליובא קאדיסאן

אין דער קונסט אויפפירונג

יאשקע מוזיקאנט פון אסיפ דימאוו

מיט אונז זיי ארומרינגלען מיט ליבשאפט און ווארעמקייט, וועלכע זיי פארדינען.“

דאס איבערברענגען יידישע קינדער, באזונדערס יתומים, פון קאנטינענט איז שוין געווארן א שיינער מנהגביים יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט. אין משך פון די לעצטע פאר יאר האט שוין דער קאמיטעט דא ארומגענומען פיל צענדליקער קינדער פון מערב אייראפעאישע לענדער, ווי פראנקרייך און בעלגיע. ווי מיר דערוויסן זיך, האט דער י.א.ה.ק. היינטיקס יאר זיך באמיט דא צוזאמענצוברענגען יידישע קינדער פון פארשידענע אייראפעאישע לענדער, איינגעשלאסן די לאגערן פאר „אויסגעווארצלטע“ אין דייטשלאנד און עסטרייך. צום באדויערן האט דער פלאן געמוזט פארקלענערט ווערן, ווייל נישט אלע קינדער האבן געקענט באקומען ארויספארערלויבעניש פון די ערטער, וו זיי געפינען זיך. אבער אויך אזוי האט דער באזוך ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס סיי ביי דער יידישער געזעלשאפט און הן אין די ענגלישע ארבעטער־קרייזן.

די קינדער וועלן אויפגענומען באזוכער אין באשטימטע טעג און וועלן זיך אויך צוזאמענטרעפן מיט פארשטייער פון יידישן ישוב און פון דער פראגרעסיווער און דעמאקראטישער ענגלישער געזעלשאפט.

וועגן אלע פרטים קען מען זיך פארשטענדיקן מיט דעם ערן־סעקרעטאר פון י.א.ה.ק. אויף דעם פאלגנדיקן אדרעס:

S. Elstein, Hon. Sec. 18, Woodland Rise, N.10 Tudor 3491.

## שוישפילערין דארא דימאנט פארט צו גאסט אין די קעמפס

די שוישפילערין דארא דימאנט, די ערשטע, לאנג־יאריקע, וויצע־פארזיצערין פון „פריינט פון יידיש לשון“, איינע פון אונזערע בעסטע רעציטאטארן אויף די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — מיט אירע פראכטפולע פרץ דעקלאמאציעס, אין די ערשטע יארן פון אונזער ארבעט, האט זי נעהאלפן פאפולער מאכן דא ביי אונז, פארן ברייטן עולם, די שיינקייט און טיפקייטן פון אונזער גרויסן קלאסיקער, פארט אויף א רייזע אין די דייטשע קעמפס. מיר זאגן איר א צאתכם לשלום, און באלדיקן בואכם לשלום.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 א זייגער)

שבת, דעם 14־טן דעם טראדיציאנעלן שבת־חזון נאכמיטאג — דארא דימאנט און שלמה אויערבאך.

שבת, דעם 21־טן דער טראדיציאנעלער שבת נחמו נאכמיטאג — י. ביעטש און נעט רובין.

שבת, דעם 28־טן—דער 60־טן געבוירן טאג פון אונזער גרויסן דיכטער ה. לייוויק.

„ירושלים“ פון א. נ. שטענצל

א בוך פון 140 זייטן
לידער פאעמעס באלאדעס

**פרייז: 7/6**

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

**„די צייט“**

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

**By Appointment**
**Dealer in Antiques to**
**H.M. QUEEN MARY**

CAMEO CORNER

**(Proprietor: Mosheh Oved)**
**are**
**Buyers and Sellers**
**of**
**Interesting Old Jewels**

**26 MUSEUM STREET,**
**LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy   £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

שיקט לשנה טובה באגריסונגען פאר די קומנדיקע נומערן



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


ניינטער יארגאנג נו. 9 העפט 104 סעפטעמבער 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


די אלגעמיינע פארזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון“
און דער יידישער קולטור־קאנגרעס אין אמעריקע..........** 1
די צילן און אויפגאבן פון אלוועלטלעכן יידישן
קולטור־קאנגרעס...........ל. סיגאל 6
ווען די פאקשיוועס בליען (באלאדע און לידער)........א. נ. שטענצל 11
„בונטאוטשיקעס (קאפיטל פון ראמאן)..........זאנוול דיאמאנט 16
משיח׳ס נסיעות און נסיונות (די קארסטען שטאט, דאס קארסטען ליד.
קאפיטלעך פון דער פאעמא)..........משה עובד 22
די וואס ווילן זיך נישט צוריקקערן (אלדד און מידד).......לעא קעניג 26
רבי אמנון (פאעמא)..........יוסף הלל לעווי 29
די קאטאסטראפע־יארן פון ת״ח ות״ט..........דר. יעקב מייטלים 34
רעגנבויגנס (פאעמא)..........ס. פאלמע 38
דאס אנטרינען פון יאסנע פאליאנע (המשך)..........אדאלף רודניצקי 40
בערלין—מאסקווע—ירושלים (המשך)..........אליהו פאלושאק 44
העברעאישע דיכטער אין די רייען פון מיליטער אין „מדינת ישראל“
(א בריוו פון א״י־פראגט)..........ש. ערנסט 48
דער שליח ציבור פון דער אלטער היים..........רעוו. חזן א. גאטליב 53
1. אין אנדענקען פון פרץ הירשביין. 2. יוסף בולאוו און ליובא קאדיסאן
אין „יאשקע מוזיקאנט“. 3. די קינדער פון פאריז — אין „די
שניידערלעך“. 4. צו דער פאריזער „אונזער שטימע“..........ש.
פרץ מארקיש און „דער קעניג פון לאמפעדוסע..........ש. י. דארפזאן 60
טעאטער ידיעות..........א. וו. 62
דיכטער־געסט אין ווייטשעפל (באריכט)..........א. ב. 63
אן אונגס פון הומאר און געלעכטער..........א. 63
מיטטיילונגען איבער די יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס..........64


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער


אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן“, נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן E. 1.